## הרב והדרשן ר׳ משה שמואל ראבינאוויטש ע״ה

דער באַוואוסטער ווייטשעפּלער מגיד הרב ראבינאָוויטש, פון וויינקאָרט־שול, איז געווען אַ שם ידועה ביי אונז דאָ אין יידישן קבוץ. איבער 44 יאָר האָט ער געמוסרט מיט שיינע משלים און מעשות מיט דעם באַקאַנטן מגידישן ניגון פון אונזערע היימישע שטעטלדיקע מגידים. ער האָט זיך אויך שטאַרק אינטערעסירט מיט יידישער קולטור און אָפט זיך באַטייליקט אין ווייטשעפּלער עונג שבתים. מיט דעם מין דרשנים גייט מיטאַוועק אַ שטיק יידישע טראַדיציע פונם היימישן שטעטל — חבל על דאבדין!

## רעוו. חזן ה. מייעראַוויטש ע״ה

מיטן טויט פון דעם זער באַליבטן און חשובן חזן פון דער גרויסער דיוקס־פּליים־סינאַגאָגע רעוו. ה. מייעראָוויטש האָט ,ווייטשעפּל פאַרלוירן איינעם פון זיינע שענסטע פּערזענלעכקייטן. ער איז געווען אַ גייסטרייכער ייד און אַ גרויסער עסקן בצרכי־ציבור און זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט יידישער קולטור. מייעראָוויטש ע״ה, וועלכער איז געווען אַ מאָדערנער חזן און אַ פאַכמאַן אין יידישער און בעיקר אין ליטורגישער מוזיק און האָט אויך אַליין געשריבן קאָמפּאָזיציעס, פלעגט זיך אָפט באַטייליקן אין אונזערע יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס מיט וויכטיקע מוזיק־רעפעראַטן און אויך אָפט מהנה געווען דעם עולם מיט זיין איידעלן קול נגינה. כבוד זיין אָנדענקען.

ש.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין קינגס האָל, 83, קאָמערשל רויד, א.1. — 3 אַ זייגער בייטאָג

שבת, דעם 2טן פעברואַר, וועט דער אַקטיאָר יודל נאָלדבערג געבן אַ וואָרט־קאָנצערט.

שבת, דעם 9־טן, וועט דר. טענענהויז האַלטן אַ רעפעראַט איבער מענדעלסאָן בערטאָלד.

שבת, דעם 16-טן, וועט פוילא לעסמאַן האַלטן אַ רעפעראַט איבער דער יידן־פראַגע

שבת, דעם 22־טן, וועט מ. מינדל האַלטן אַ רעפעראַט איבער מענדעלעס טאַקסע.

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129 קאָוועל סטריט, א.1.

פרייז -/1

74

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור,

זעקסטער יאָרגאַנג. לאָנדאָן, אַפּריל 1946. נומער 3 (העפטל 75)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

לשון און לעבן •• . . . . . 1
דער גערטנער היט (פּאָעמע) ה. לייוויק . . 3
ערב פּרילינג (לידער) יעקב שמואל טויבש . 5
פרילינג־ליד (ליד) דוד זיידנפעלד. . . 6
דו (געדיכט) אברהם פּנחס ציקערט . . 7
איך בין דער שפּיגל (דערציילונג) משה עובד . . 8
ספר טוביה (המשך) . . . . . 12
חד גדיא (באַלאַדע און ציטלידער) א. נ. שטענצל . 19
מאַמע (דערציילונג) אברהם פּנחס ציקערט . 25
אַ בריף פון א. פּ. ציקערט . . . . 31
אין דיזראַעלי׳ס שאָטן (אַ בילד פון נאָרד־לאָנדאָן) אָלגא סומך פיליפּס . . . 33
אינסטינקט און היימישקייט (עסיי) נחום שטענצל . 37
אין די דייטשע קאָנצענטראַציע לאַגערן (אַ קולטור־איבערבליק) ש. י. דאָרפזאָן. . . . 39
האָפנונג און שרעק (פּרץ דער קעמפער) צו דער 31-טער יאָרצייט פון י. ל. פּרץ אליהו פּאָלושאַק . . 42
אַ בילאַנס פון יידישן פאָלקס-מצב נ. צ. . . . 46
אַ שפּאַציר איבער יידישע קונסט אויסשטעלונגען און יידישע טעאַטערס: (עסיי און איבערבליק) א. נ. ש. . . . 48
פון יידישן פאָלקס-מויל שלמה גאָלדנבערג 59
יידישע קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ . . 62
אונזערע קולטור ידיעות דאָ . . . . 63
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס . . . 64

**פרייז 1 שילינג**

**אבאנאמענט פאר א יאר — 1 גינע**

**אַדרעס פון רעדאַקציע**

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

# די פּראָפּאַגאַנדע-קאָמיסיע פון „פריינט פון יידיש-לשון“ טיילט מיט:

נאָך זעקס יאָר דערשיינען אין לאָנדאָן רעגולער יעדן חודש אַ ליטעראַריש העפטל, וועלכעס האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג, כדי עס זאָל סיסטעמאַטיש לאָזן הערן דאָס יידישע וואָרט, און דערמיט צושטאַרקן דאָס קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע לעבן, קען מיט באַפרידיקונג פאַרצייכנט ווערן, אַז די העפטלעך האָבן אין די שווערע צייט פון די מלחמה יאָרן, פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין דעם היגן יידישןלעבן.

אין דער ביטערער, טרויעריקער צייט, ווען יידישע גייסטיקע ווערטן זענען געטראָטן, פאַרניכטעט געוואָרן, מוז ביי אונז דאָך מער ווי תמיד געשטאַרקט ווערן, דער אינטערעס פאַר דער יידישער קולטור, און איר ליטעראַטור. ליידער הערשט אַ גרויסע גלייכגילטיקייט ביי אונז צום יידישן וואָרט, פאַרגעסנדיק אַז דאָס יידישע לשון און ליטעראַטור, איז דער אויסדרוק און שפּיגל פונם יידישן לעבן, וועלכעס האָט געשטאַרקט די עקזיסטענץ פונם פאָלק.

איצט ביים דערשיינען פון אַ באַשטענדיקן חודש זשורנאַל„ לשון און לעבן. מיט אַ רייכן ליטעראַרישן אינהאַלט, מוז געשאַפן ווערן אַ פאָנד פון מינימום פינף־טויזנט שילינג, וועלכעס זאָל באַפעסטיקן דעם מאַטעריעלן יסוד, אין משך פונם נעקסטן יאָר.

דער קולטור פאָנד וועט העלפן, אויסבויען די געשעפטלעכע זייט פונם זשורנאַל; וועלכעס ווערט אַוועקגעשטעלט אויף געזונטע יסודות. ווי אַנאָנסן, באַשטענדיקע אַבאָנענטן האָנאָראַר, א.א.וו. און שטעלט זיך די אויפגאַבע צו וועקן דעם אינטערעס פון די יידישע פאָלקס מאַסן, צו זייערע קולטור אוצרות.

מיר ווענדן זיך צו אַלע לעזער פון די העפטלעך און ליבהאָבער פון שיינעם יידישן וואָרט. סיי אין לאָנדאָן סיי אין דער פּראָווינץ תיכף צו צו לייגן אַ האַנט, פון דער שאַפונג פונם קולטור פאָנד. די סומע איז לחלוטין נישט גרויס, און מיט קליינע אָנשטרענגונג קען עס לייכט געשאַפן ווערן. מיר ווענדן זיך צו לידז, מאַנשעסטער אויפצונעמען די אַרבייט און שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט אונז.

באַזונדערס אַפּעלירן מיר צו אונזערע פריינט נישט אָפּצולייגן די מיט־הילף, וויסנדיק, אַז די העפטלעך האָבן אַריינגעברענגט אינעם יידישן לאָנדאָן אַ נייעם שטראָם ענערגיע קודם־כל, אין דעם היגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיר זיינען איבערצייגט אַז פריער פון אַלעמען וועלן זיך אָפּרופן אונזערע פריינט.

פאַר די פּראָפּאַגאַנדע קאָמיסיע,
**י. ביעטש**, פּאָרזיצער,
**אליהו פאַלושאַק**, ערן־סעקרעטאַר.

אַלע אינפאָרמאַציעס צו באַקומען:
E. PALUSZAK, 64, Lauriston Road, Hackney, E.9.

## לשון און לעבן

מיר האָבן באַשלאָסן ווייטער צו עקזיסטירן, אַזוי אַ, ווי מיר זיינען. אַלע ארבע מיתות שטעלט אַ ייד זיך פאָר ביים ציען דעם דלת פון „אחד“, און מיר ציען ווייטער אונזער געדאַנק דורך גאַז־אויוונס און קרעמאַטאָריומס. עס וועט זיי גאָר נישט העלפן די אומות העולם, זיי וועלן נישט פטור ווערן פון אונז — נישט אַזוי לייכט אַלענפאַלס! עס איז שוין זייער מזל אַזוי, אַז עס וועט תמיד שטיין אַ ייד אין ראָג, אויפן שייד־וועג און זיך צוקוקן צו זייערע נישט גאָר שיינע האַנדלונגען און צו זייערע מעשים־תעתועים.

זיי האָבן שוין באַשטאַנען אויף אַ ייד אין ראָג, צווישן טראַקטן אויפן שייד־וועג, נאָר אַ טויטן, אויף אַ תליה; זיי וועלן באַדאַי פאַר אים קניען, ווייררויך־קעסלען פאַר אים רויכערן, נאָר אַ טויטער זאָל ער זיין, — קאַפּאַבעל, אפילו אַ גאָט פון אים צו מאַכן, נאָר אַ טויטן! — זיי וועלן אפילו פאַר אים מתודה זיין זייערע מאוסע חטאים, נאָר אַ טויטער זאָל ער זיין — אַ טויט־פאַרשוויגענער!

מיר, אָבער, האָבן באַשלאָסן ווייטער צו לעבן, אויף אייגענער געפאַר, און אויף אייגענער פאַראַנטוואָרטונג; מיט אונזער צוקוקן, כאָטש אַ ביסעלע שטערן זייער טריפהנע הנאה, ביי זייערע נישט שיינע האַנדלונגען און בלוטיקע אָרגיעס; פאַרקריכט אייך אין די קלויסטערס, אין די קלובן, אָבער פון די גאַז־קאַמערן אַרויס וועלן מיר מיט די לעצטע פינגער אונזערע אויף אייך טייטלען — מיט די קוימנס פון די קרעמאַטאָ־יומס! אין די לאָרדן־הייזער אַריין אין די פּאַרלאַמענטן וועלן מיר אונזערע ווערטער אייך צו וואַרפן. ווען אפילו זיי זאָלן זיין אַרויסגעוואָרפענע...

און יענע אונזערע, וועלכע ווילן נישט, אָדער קאָנען נישט מער מיטגיין דעם שווערן נסיון־און שטרויכל־וועג, יענע פאַרמאַטערטע אין אונזערע היימען, וואָס האָבן באַשלאָסן, צו בלייבן שוין פאַרשטעקט צווישן די גוים און נישט מער צוריקצוקערן צו אונז, און די זאַטע פחדנים, אין די פרייע לענדער, וואָס זוכן טויזנטער מיטלען, בכדי זיך צו פאַרשטעקן אין כל-ערליי מאַסקעס, מיט זיי, מיט אָט די דאָזיקע, — דעם ערב רב וואָס פאַלן אַוועק פון אונז אין אונזערע פינסטערע טעג! — האָבן מיר נאָר גרויס רחמנות און אַ ביטערלעך באַדויערן. מיר ווייסן, נישט חלילה, פון בייזן ווילן און ווידערשפּעניקייט זיינען זיי געטריבן דערצו, שוואַכקייט און שרעק זיינען די צוויי בייטשן, וואָס טרייבן זיי. מאַלע, וואָס מאַנכע פון זיי געברויכן דערצו חוצפּה־דיגע גרויסע קולטור ווערטער און מעכטיקע פּאָליטישע פראַזעס — עס איז די בושה זייערע, וואָס זיי ווילן נעבעך מיט אַזאַ פייגנבלאַט־לבוש פאַרדעקן! און איז בושה נישט אויך נאָך אַ יידישע זאַך? און איז דאָס גרעסטע געבעט פון אונזערע טאַטעס נישט געווען: „על תביאני לידי נסיון“?

מיר נעמען נישט אָן און מיר טאָרן נישט אָננעמען, אַז דער פּאָליטישער ציוניזם איז, חלילה, אויך אַזאַ איינע פון דעם מין מאַסקעס, כאָטש מיר הערן לעצטנס צו אָפט פון אַסך אומפאַראַנטוואָרטלעכע: „אַ שטאַאַט, אָדער אַסי־

TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

מיליאַציע! שמד, אָדער מדינת ישראל", אָבער דאָס נבלען אין יענע קרייזן: „יידיש איז אונטערגעגאַנגען, יידיש גייט אונטער", שיינט יאָ צו זיין אַ שטיקל סימפּטאָם דערפאַר. און זיינען עס אפשר גאָר יענע מיאוסע צינגען, וואָס האַלטן אין איין ריידן, אַז יידיש גייט אונטער, די זעלבע טאַקע וואָס האַלטן אין איין נבלען, אַז ס'יידיש פאָלק גייט אונטער, וואָרים פּראָפּאָרציאָנעל הערט זיך דאָס צווייטע גאָר נישט ווייניקער ווי דאָס ערשטע...

יאָ, מיר ווייסן די געפאַר, וואָס לויערט ווי אַ בייזע גיפטיקע שיפּנדיקע שלאַנג אויף אונזער יידישער שפּראַך, און מיר זיינען זיך אויך גוט באַוואוסט יענע רציחיש־ווילדע געפאַר, — פאַר וועלכע די אָקאָרשט דערמאָנטע קרייזן „ציטערן" מסתמא אמתדיקער און שטאַרקער ווי איבער דעם אונטערגאַנג פון יידיש, — נאָר מיר ווייסן, אָבער אויך, אַז אויב יידיש וואָלט שוין געווען אונטערגעגאַנגען, וואָלטן שוין חלילה קיין יידן נישט מער געווען, און אויב יידיש וועט חלילה אונטערגיין, (פון וואָס יענע קרייזן ריידן שוין כמעט מיט אַ זיכערקייט און זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.) אין די קומענדיקע צוויי דורות, וועט ס'יידישע פאָלק מיט אונטערגיין אין די קומענדיקע צוויי דורות.

יידיש איז לגמרי גאָרנישט נאָר אַ ריין ליטעראַריש־און שפּראַכלעך פּראָבלעם, ווי מאַנכע איבערפלעכלעכע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע יידישע פּאָליטיקער דאַכט זיך אויס.

קיין אַנדערע יידן ווי יידיש רייִדנדיקע זיינען לעת עתה נאָך נישט דאָ, — יהודים איזרעאַליטן. ישראלים, חלוצים — דאָס יאָ! — (און אפשר דאָס אויך נאָך נישט דערווייל, נאָר וועגן דעם אַ צווייט מאָל). די אייראָפּעאישע, אַמעריקאַנישע, סאָוויעטישע און ארץ ישראלדיקע יידן זיינען אַלע יידיש רייִדנדיקע און יידיש פאַרשטייענדיקע. אפילו ביי די אוועקגייענדיקע און אַנטרינענע פון אונז טליעט נאָך דאָס האַרץ מיט ליבע צו אונז מיטן וואָרט „באָבע" „זיידע" — מיטן פּינטעלע יידיש! צימאָל אין די הערצער פון די אַנטלאָפענע פון אונז און אָפּטריניקע ברענט ווי אַ רונען־ציפער, ווי אַ כישוף־שפּרוך דאָס יידישלעכע וואָרט: אַ „מיתה משונה".

עס זיינען אַסאָציאַציעס וואָס פאַרוואָרצלען אַ פאָלק אַז ס'זאָל נישט אויסגעריסן ווערן מיטן שורש. עס איז דאָס לשון פונם פאָלק זיין פעסטער שטאַם, וואָס מיט זיינע וואָרצלען לעבט ער פונם עבר און מיט זיינע צווייגן זאַפּטיקט ער די פירות פון דעם עתיד.

מיר ווייסן די געפאַר וואָס לויערט אויף יידיש, אָבער פּונקט אַזוי ווי מיר זיינען זיכער אינם נצחיות פון אונזער פאָלק, פּונקט אַזוי זיינען מיר אויך זיכער, אַז אין דער נאָנטער צוקונפט וועט זיך ווייזן דער וועג, אַז די שאַפונגען אונזערע פון די פאַרגאַנגענע צענדליקער דורות, און יידיש, ווי די גרעסטע אַסאָציאַציע־שאַפונג אונזערע אין די לעצטע טויזנט יאָר, וועלן נישט אונטערגיין, אָדער פאַרשוועכט ווערן חלילה, ווייל דאָס לעבן גופא איז שטאַרקער ווי די שרעק פאַרן לעבן און גייסטיקער שעפערישער ווילן מאַכט פון יעדער געפאַר אַ נייע דערפאַרונג פאַרן לעבן.



ה. לייוויק

## דער גערטנער היט *)

דער גאָרטן שלאָפט. דער גערטנער — ניט.
ער שפּאַנט אַרום מיט גיכע טריט.
דאָס הייסט: ער היט, דאָס הייסט: ער וואַכט,
אַ טרייער שומר אין דער נאַכט.
אַמאָל באַווייזט זיך אויף זיין ליפּ
אַ שמייכל דין ווי דורך אַ זיפּ.
ער גיט אַ זאָג אַזוי זיך סתם:
וואָס היטסטו, היטער, גוטער תם? — —
ער מיינט וואָס יאָ — ער מיינט וואָס ניט,
ער שפּאַנט זיך ווייטער און ער היט.
ער גיט צו רעכטס אַ האַנט אַ הויב —
צום גאָרטן שפּאַרט אַ וואָלקן שטויב.
ער גיט אַ הייב צו לינקס אַ האַנט —
צום גאָרטן שפּאַרט אַ מויער־וואַנט.
די וואַנט פאַרלייגט זיך איבער אים
אַט אין דער גליידן, אַט אין דער קרים.
און ווען ער קומט צו זיך צוריק,
דערפילט ער אויף זיין האַלדז אַ שטריק,
אַ שטריק פון ליכט — לבנה־ליכט
געפלאָכטן דיק, געוועבט געדיכט,
געדרייט, געקנופּט אין זיבן קניפּ
אַרום זיין האַלדז, אַרום זיין ליפּ. —
ער זעט איצט קלאָר, פאַרפאַלן קלאָר:
די שׂרפה הוליעט אויף דער וואָר.
אַ מאָנסטער־טאַנק צום גאָרטן קריכט:
— אָ, היטער, גערטנער, טו דיין פליכט!

*) „דער גערטנער היט" איז דאָס קאַפּיטל 10 פון אַ גרעסערע פּאָעמע, „אַן אורח אין גאָרטן", וועלכע איז געוועזן אָפּגעדרוקט אין „צוקונפט", יאַנואַר 1944.

דער גערטנער טוט וואָס נאָר ער קאָן,
און מער נאָך וויפל ס׳לאָזט זיך טאָן —
צו ראַטעווען דעם עפּלבוים,
דעם באַרנבוים, דעם קאַרשנבוים,
און אויך דאָס גרעזל אויף דער זייט,
וואָס ס׳האָט געבראַכט דער אורח טויט. —
דער גערטנער טוט. נאָר וואָס ער טוט —
דאָס ווייס איך ניט אין דער מינוט.
איך ווייס ניט אויך, צי ס׳איז פאַראַן
אַ וועג גאָר פאַר אַ גערטנער־מאַן
צו ראַטעווען פון פלאַם־געיעג
איין צווייגל כאָטש פון זיין פאַרמעג.
נאָר איין זאַך ווייס איך, דאַכט זיך, יאָ —
אַז אין דער חורבנדיקער שעה
פאַרלאָזט ער ניט אויף הפקר גלאַט
קיין אָדערל פון צווייג און בלאַט
צו ראַטעווען נאָר זיך אַליין.
ער שפירט אין יעדן בוימס געוויין
אַ קוואַל פון רחמים און גענאַד,
און אַלץ נאָך פעסטקייט פון יסוד
אין יעדן וואָרצל טוט ער זען,
און שטיין בלייבט ער אין סאַמע ברען
פון אַל-וועלט פלאַם, ביז שפּעטסטן שפּעט
פאַרנעמט ער ס׳לעצט פון לעצט געבעט,
וואָס קומט פון סאַמע קלענסטן קליין,
און מיט זיין לייב און זיין געביין
באַשיצט ער ס׳גרעזל אויף דער בייט
וואָס איז אַדורך די האַנט פון טויט.

אָקטאָבער, 1943.





# ע ר ב - פ ר י ל י נ ג

## קילער מארגן

עס הויבט אָן שאַדיען און די לופט איז קיל —
אַ פרוי׳ס געשטאַלט אין פערלגראָער היל.
זי גייט פאַרביי מיט גיכע שאָטן־טריט,
אַ גאַזע נעמט אַרום איר שלאַנקן שריט.
די אברים נעמט אַדורך אַ ווינטל, קיל ;
זי ווערט פאַרציטערט אין איר צאַרטער היל.

## מארגן איבערן טייך

די הויכע זון, זי שפּילט צום טייך
און זיינע וואַסערן גלאַנצן ;
און אויפן וואַסער, זעט זיך, גלייך
ווי קליינע טעלער טאַנצן . . .

ביי יעדן ווינט, ביי יעדן צוק,
פאַרבייטן זיך די פאַליעס ;
עס הוידען זיך, ווי אין אַ וויג,
די בלאַנק־פאַלירטע כוואַליעס — —

## פעלד-וואסערל

צווישן דער אַקער־ערד, צווישן דעם פעלד,
ציט זיך אַ וואַסערל, גיסט זיך און שיסט ;
ציט זיך אַ ריטשקאַלע, ענג און פאַרשטעלט,
זעט מען קיין ריוו ניט, קיין וועג, וואו עס פליסט . . .

מיט אַ פאַרבאָרגענעם אוצר אַנטפּליט,
שלענגלט זיך דורך דער באַהאַלטענער קוואַל ;
נאָר אין דער זון שיינט עס אויף און סע גליט,
בליאַסקעט און בלישטשעט דער טייערער מעטאַל . . .

## זון אנטקעגן טרער

אין די אויגן שטייט אַ טרער ;
אין די טרערן — בלישטשען פונקען . . .
אָ, ווי איז צו וויינען שווער — —
ערשט ווען טאָג און זון פאַרזינקען,
וועט די נאַכט די טרערן טרינקען . . .

# דוד זיידענפעלד

## פרילינג ליד

מיט א פרייד,
מיט א פרייד,
קומט דער פרילינג אָנצוגיין.
און א שמחה הייבט זיך אָן.
און די זון לעבן זאָל זי,
שטעקט אַרויס א רויטע פאָן.

און די זון לעבן זאָל זי,
וועקט די וועלדער אויף פון שלאָף.
און באַניסט מיט ליכט ד'פעלדער
און אויף זיי די וואוילע שאָף.
און באַניסט, מיט ליכט, ד'הייכן
און ד'טאָלן אויך און טייכן.

און א שמחה הייבט זיך אָן,
א גדולה אויף ד'ערד.
און די וואָלקנס טינקן
איין די פאָלעס אין דעם ים
און לחיים טרינקען.
און ד'וואָלקנס פונדערווייטנס רופן זיי און ווינקען.



# אברהם פנחס ציקערט

## דן

(אַ מתנה פאַר רחל'ען פון דער ליטע)

ווען ס'שטייגט די זון פון ווייסן שניי,
איבער שפּיצן הויכע בערג,
ווייס איך : ס'וועקט זיך רחל'ע
און עפנט אירע אויגן אויף.

און ס'קומט פון זיי אַרויס דאָס ליכט
וואָס גיט דעם הימל אויך א גלאַנץ
דאָס איז איר בליק, ס'דערפרייט די וועלט
און מיט איר אויפשטיין קומט דער טאָג.

און כ'זע דעם טוי, די טרער פון גליק
אויף גרינעם גראָז, — ווי פערעלעך
איז דער קוש פון אירע ליפּעלעך,
דערפילט אים, אַזוי ווייט אינדער פרעמד.

און ווען דער טאָג, צעשטראַלט זיין היץ
און באָדט די וועלט אין פרילינגס-זון
דאָס איז דער טאָג פון רחל'ען
אין אַרבעטס-ברען פון אירע הענט.

און פאַרנאַכט זיצט זי, לעזט א **בוך**
איר יונגער רייץ, פאַרגיסט דעם וואַלד,
אַזוי שיקט אויך די זון איר גלאַנץ
פון הויכע בערג אויף אַזשירע.

דער לעצטער בליק פון פרילינגס-טאָג,
דערנאָך ליגט איר קאָפּ, לייכט און שטיל,
מיד פון שערן אַרבעטס טאָג,
שטייגט אויף די נאַכט פון אירע האָר.

די שווערע שוואַרצע סאַמעט-האָר
שפּיגלען זיך אין הימל אָפּ.
דער הימל איז א שפּיגל נור
פון טאָג און נאַכט ביי רחל'ן.

משה עובד

# איך בין דער שפּיגל

(געווידמעט דער העלדין פון דער געשיכטע)

עס וועט אפשר אַמאָל קומען אַ צייט, מיט אַ ניי מין קאַלענדאַר, וואָס וועט רעקאָרדן די טעג און נעכט פון דער נשמה וואָס שפּילן אַ גרעסערע ראָלע אין דער געטליכער דראַמע פון אונזער עקזיסטענץ ווי די נאָרמאַלע אַסטראָנאָמישע טעג און נעכט.

אָבער ביז דער נייער לוח ווערט געשאַפן מוז מען דערווייל דעם אַלטן לאָזן אונז דינען, מיט זיינע קאַרגע טעג און נעכט סעזאָנען און יאָרן.

ויהי, עס איז געשען אין יאָר 1934, ווען היטלער־דייטשלאַנד האָט זיך צוגעגרייט לכבוד דעם מלחמה־יום־טוב, מעכטיקע וואָלקאַנען פאַר אייגענער און אייראָפּעס פאַרניכטונג, איז אין יענער צייט אַ יידיש־דייטשע פרוי אָנגעקומען אין לאָנדאָן פון בערלין.

זי איז געווען אַן אַליוואַן־הויטיקע טונקעלע בראָנעטקע אין די רייפע דרייסיקער. געגלויבט אין סאָציאַלן יושר און כּראַקטיצירט מאַלעריי. פילע דורות האָבן זיך אירע פאָרעלטערן אויסגעלעבט אין דער דייטשער שפּראַך און קולטור, זיך איינגעפלאַנצט אין די דייטשע לאַנדשאַפטן און זיך אָנגעזויגן מיט דער דייטשער מוזיק. דאָך — דאָך האָט איינס פון אירע הויפּט חושים, דער חוש־הראיה זיך ביי קיין פאַל נישט געלאָזט אַסימילירן. איר אויגן זיינען געבליבן פלאַמנדיקע סעמיטישע. און פאַר אַלעם וואָס אירע איבריקע חושים האָבן גענאָסן פון דייטשלאַנד האָט זי מיט דער אָריענטאַלער רייכקייט פון אירע אויגן אָפּגעצאָלט כפל כפלים.

אירע ליפּן האָבן גערעדט דעם אַלטעגל־כן דייטש, אָבער אירע אויגן האָבן גערעדט אַ פּראָפעטישן העברעאיש און אַ לירישן יידיש. זיי האָבן דייטשלאַנד דערציילט פון אַ טיפן גלות-צער און פון גליקליכע משיח׳ישע טעג, פון בלאָנדע אַרישע אויגן האָט עס קיינמאָל דייטשלאַנד נישט געקאָנט הערן.

און די פרוי איז געקומען נאָך לאָנדאָן אַראָפּצוואַרפן פון זיך די קייטן, אין וועלכע מען האָט זי געבונדן, זי צופערניכטן. און זי דערציילט מיר:

„איך בין שוין עטלעכע וואָכן אין לאָנדאָן און פיל זיך גאָר נישט אינדערהיים. מיין איינציקע היים איז געווען שטייענדיק פאַר דיין שויפענסטער און באַטראַכטנדיק שיינע זאַכן. היינט האָב איך געוואָגט דאָ אַריינצוקומען. נו, ווייז מיר עפּעס באַרבאַרישע זילבערנע אָרנאַמענטן, ס׳איז מיר אַזוי מיאוס און מאוס פאַר דער ראַפינירטער אייראָפּעאישער קולטור, קונסט און שמ״ק."

עפן איך פאַר איר שופלאָדן געפּאַקט מיט אַלטע חפצים פון פילע לענדער און עפּאָכן און זי קוויקט זיך מיט זיי. ווייסל פון אויג, ליכט פון שמייכל און חכמה פון זילבער שמעלצן זיך צוזאַמען און שמידן זיך אויס אין זילבערנע קלימפּערלעך, פון פרייד און געלעכטער.

בפרט די גרויסע זילבערנע ציגיינער רינגען אין וועלכע זי האָט אירע



פינגער אַריינגעצווינגן, זיי האָבן באַפרייט אַלע געקרעמפּטע אברים און נערוון פון איר געזיכט. דער גאָרסעט אויף איר פנים האָט געפּלאַצט און איז אַוועקגעפלויגן, זי האָט געשמייכלט און געלאַכט נאַקעט פראַנק און פריי.

ווי די הימלאָזע ציגיינער־לבנה האָט איר פנים געשיינט.

אַוועק פינף געפייניקטע ערב־מלחמה יאָרן. די זעלבע פרוי קומט ווייטער פון בערלין נאָך לאָנדאָן און באַווייזט זיך ווייטער אין מיין געוועלב. עס איז געווען אין מיטן טאָג און מיטן זומער פון 1939. אָבער זי איז געווען איינגעקורטשעט און איינגעקנוילט אין שרעק און אין שטאָק־פינסטערניש.

פרעג איך זי, „וואָס איז, וואָס האָט געטראָפן?" זי ענטפערט נישט. זי קוקט מיך בלויז אָן, זי ווייס דאָס אויף איר פנים איז אויפגעשריבן די תשובה. עפן איך אַ שופלאָד מיט באַרבאַריש זילבער, נייגט זי איר קאָפּ אַוועק: „ניין, שוין נישט פאַר מיר קיין טרייסט. איך זוך עס שוין נישט. נאָר מיין יינגעלע, אָה, מיין יינגעלע! אים איבערגעלאָזט אין בערלין. יעדן טאָג ווערט ער מער דערשלאָגן באַשמוצט און באַליידיקט. איך וויל אים ראַטעווען, קען איך נישט קריגן קיין דערלויבעניש אים אהער צוברענגען.

און דאָרט טראַכטן זיי אויף אים אויס, יעדן טאָג נייע בלבולים. ס׳קינד הייבט שוין אָן באַלד צו גלויבן אין זיי."

טרייסט איך זי: „זאָרג נישט, אַז מיר יידן האָבן איבערלעבט דעם שרעקליכסטן בלבול אין דער היסטאָריע, דאָס מיר האָבן אַ גאָט געהרגט, וועלן מיר די מאָדערנע פּאָליטישע עקאָנאָמישע און אידעאָלאָגישע בלבולים־לעך זיכער איבערלעבן."

גייט אויף דער טאָג אין אירע אויגן, אָבער בלויז אויף אַ רגע, און עס ווערט ווייטער נאַכט. און זי רעדט אַרויס פון דער פינסטערניש:

„דער שלאַכט פאַנגט אָן. יידן זיינען די ערשטע שעפּעלעך צו ווערן ליקווידירט. הערט, ליקווידירט! און ווער וועט זיך דאַן אָננעמען אונזער קריוודע? קיינער ניט! קיין—נער ניט! זעסט דאָך אַליין, אָט בעט איך ענגלאַנד צו ראַטעווען מיין קינד און זי וויל ניט. נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און ס׳וועט זיין צו שפּעט, צו שפּעט!

— אַזוי שרעקליך האַלט עס שוין?

— יאָ, ערגער ווי שרעקלעך.

און זי איז אַוועק אונגעטרייסט.

עטלעכע טעג פאַר דער מלחמה ברענגט זי מיר אַריין צוויי בשורות: אַ גוטע, דאָס זי האָט ענדלעך געקראָגן די ערלויבעניש זיך צובאַזעצן מיט איר יינגל אין ענגלאַנד. ער איז שוין דאָ און זיי האָבן שוין אַ וואוינונג. און די שרעקלעכע בשורה, דאָס זי ווייס פון זיכערע קוועלן דאָס אין עטלעכע טעג אַרום וועט זיכער די מלחמה אויסברעכן און איר פנים צינד זיך און לעשט זיך, לעשט זיך און צינד זיך, ווי אַ צאַנקנדיקע ליכט. און יעדעס מאָל שליידערט זי מיך פון נאַכט אין העלן טאָג אַריין און פון טאָג אין דער טיפער נאַכט אַריין.

אין 1941 באַגעגענען מיר זיך אין אַ באָמבאַדירטער בליץ־נאַכט דער־ציילט זי מיר דאָס איר זון וואַקס ווי אויף הייוון, צייגט גרויס טאַלאַנט פאַר מאָלעריי און ער שרעקט זיך גאָר נישט פאַר די באָמבעס, די דייטשע טעראָ־ריסטישע טיאָריעס האָבן אים מער איבערגעשראָקן. זי איז צופרידן דאָמיט וואָס זי האָט באַשעפטיקונג, זי אונטעריכטעט מאָלעריי אין אַן ענגלישער שול און ס'איז איר זער גוט. און איר צופרידן פּנים לויכט, ווי די זון פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה.

אין מיטן זומער 1943 באַווייזט זי זיך ווייטער אין מיין געוועלב, איינ־געוויקלט אין וואָלקנס און שוואַרצע רינגען אַרום די אויגן, ווי זיי וואָלטן געטרויערט נאָך אַ טויטן.

— וואָס האָט געטראָפן? פרעג איך זי.

— וואָס האָט דען נישט געטראָפן? ענטפערט זי. איך האָב דאָך אַלעס פאַרלוירן; מיין לאַנד, מיין שפּראַך, מיין קולטור, מיינע אידעאַלן. קיין ערד אונטער מיינע פיס, קיין הימל איבער מיין קאָפּ.

דאָ בין איך אַ פרעמדער מוז שטיין אין „קיום" פאַר ברויט און זאַלץ, און מ'קוקט מיך אָן מיט בייזע אויגן ווי איך בין שולדיג אין דער מלחמה!

האָב איך שוין געהאַט אַ געליבטן האָב איך אים אויך פאַרלוירן. און איצט בין איך שוין צו אַלט פאַר די יונגע און צו יונג פאַר די אַלטע, און מיין זון קען נישט קריגן קיין באַשעפטיקונג איבער זיין דייטשן אַקצענט. און מיין געזונט צושטאַנד איז אויך....

און אַזוי ווי זי קלאָגט זיך, דערזעט זי ליגן אויף מיין טיש אַ גרויסן זילבערנעם האַנט־שפּיגל אין דער פאָרם פון אַ האַרץ מיט אַ בינטל טרויבן בולט אויסגעשמידט דערויף, פּערסיאַנער, פון אָנפאַנג 18־טן י.ה. באַמערקנ־דיק דעם שפּיגל הערט זי פּלוצים אויף צו קאַטאַלאָגירן אירע צרות אויס־רופנדיק: אַך וואָס פאַרא פאַבעלהאַפטער שפּיגל! פון וואו האָסטו אים?

דערצייל איך איר: מיט עטליכע חדשים צוריק, גיי איך אַריין אין אַן אַלט עטאַבלירט יואוועלען געשעפט און זע אויף דער וואַנט הענגען אָט דעם האַנט־שפּיגל. פרעג איך ביים סוחר „וויפל ווילסטו פאַר דעם שיינעם שפּיגל?"

„שיינעם", מאַכט ער, „ס'איז אַ מיאוסקייט".

וויסנדיק דאָס דער סוחר האָט אַ גוטן געשמאַק, זאָג איך צו אים, דו מיינסט עס נישט ערנסט פאַר וואָס אַ „מיאוסקייט?"

„ווייל", ערקלערט ער מיר, „ווייל ער הענגט שוין אָט אַזוי צען יאָר און קיינער האָט זיך ביז איצט נישט אָפּגעשטעלט אויף אים. קיינער האָט נישט באַמערקט זיין שיינקייט. „זעסט!", ווייזט ער מיר די וואַנט — און איך זע דאָס אויפן אָרט ווי דער שפּיגל האָט געהאַנגען מיטן פּנים צו דער וואַנט איז ליכטיק ווי דער מיטן טאָג, און אַרום בין השמשותדיק. און דער סוחר רעדט ווייטער! „איך קען דיר גאָר נישט זאָגן ווי ס'פאַרדריסט מיך אויף מיינע קונים, קיינער זאָל נישט האָבן ביז יעצט אָפּגעשאַצט זיין ווערט! ס'פערדריסט מיך אַזוי שטאַרק דאָס איך וואָלט געוואָלט פון אים פּטור ווערן,



נאַ, נעם אים צו פאַר צוויי פונט! איך וויל זיין פּרצוף נישט מער אָנקוקן!"

האָב איך אים געקויפט פאַר צוויי פונט, און איצט האָט אים, יעדער ליב ס'לעבן. מען אָפּערירט מיר צוואַנציק און פופציק פונט, אָבער פאַר קיין געלט אין דער וועלט וועל איך מיט אים זיך נישט שיידן.".

די פרוי האַלט דעם שפּיגל אויף אירע אָרעמס ווי אַ קינד קעמפּט מיט אירע טרערן זיי זאָלן נישט דורכלעכערן אירע וואָלקנס.

און זי גייט אַוועק נישט קענענדיק אַרויסרעדן קיין וואָרט. צומאָרגנס קומט זי צוריק אויסגעלייטערט ווי אַ זומער-הימל נאָך דעם ווי אַ רעגן האָט אים אויסגעבאָדן. זי ווינקט צו מיר איך זאָל מיט איר אַריינגיין אין מיין חדר מיוחד און זי דערציילט מיר:

נעכטן ווען כ'בן ביי דיר דאָ געווען האָב איך געהאַט אַ פלעשל סם ביי זיך. שוין געהאַט געמאַכט אַלע פאַרברייטונגען שוין געהאַט געשריבן אַ בריוו צו מיין זון און צו מיין באַלעבאָסטע אַלעס „טאַרע!" (פאָלקאָם) ווי נאָר אַ דייטש קען!... נאָר נאָכדעם ווי דו האָסט מיר דערציילט די געשיכטע פון דעם שפּיגל, בין איך אַוועק פון דיר אַוועקגעגאָסן דעם סם און צעריסן די בריוו, און אַגאַנצע נאַכט צו זיך געזאָגט: איך בין דער שפּיגל! איך בין דער שפּיגל! ס'וועט נאָך קומען אַ צייט מ'וועט מיר אויך שעצן און ליבן. אָה, שפּיגל דו האָסט מיין לעבן געראַטעוועט, און אים מיט טרערן געקושט.

איך בין געוואָרן אַזוי גערירט פון דער סצענע דאָס איך האָב איר גע־זאָגט: אויב איך וועל נאָך אַמאָל שרייבן אַן אויטאָביאָגראַפיע וועל איך מוזן די געשיכטע פאַראייביקן...

לאַכט זי „הלואי וואָלסטו עס טאַקע געטון. און לאַכנדיק שטראַשעט זי מיך מיטן ערשטן פינגער, נאָך נאַס פון טרערן, „אויב דו וועסט עס נישט טון וועל איך עס טון".

זאָג איך „דו קענסט דאָך נישט קיין יידיש, און דייטש אָדער אין ענגליש וועט עס דאָך נישט האָבן קיין יידישן טעם".

— פאַרוואָס נישט?

— ווייל דיינע ליידן און פריידן, דיינע האָפענונגען און ענטוישונגען, זיינען דאָך צו הויך און צו טיף פאַר די נאָרמאַלע שפּראַכן פון די נאָרמאַלע פעלקער. באַפאַלט אירע אויגן אַ טרויער, ווי צוויי יתומים'לעך וואָס בענקען נאָך זייער מוטער־שפּראַך.

טרייסט זיי מיין האַרץ.

— איר זענט דאָך יידיש מאַנוסקריפּטן, די גאַנצע געשיכטע אונזערע, ממצרים ועד הנה, קען מען דאָך פון אייך אַרויסלייענען.

זיי דערפילן מיינע טרייסט און צעפינקלען זיך ווייטער.

און אין מיטן פון איר שוואַרצאַפל זע איך אַ רויט פייערל גליען. ווי אַ קריסטאָלען טינטורין אין וועלכער עס איז אַריינגעשטעקט אַ גאָלדינע איינ־ספּערירטע פעדער, אַ מאַנוסקריפּט און אַ טינטורין ביידע אין איינעם.

# ספר טוביה

## קאַפּיטל ח.

און ווען זיי האָבן פאַרענדיקט די סעודה, האָבן זיי אַריינגעפירט טוביתן צו איר. און בשעת ער איז געגאַנגען, איז אים געקומען אויפן זכרון רפאלס ווערטער, און ער האָט גענומען דאָס אַש פון דעם ווייַרוך און אַרויפגעלייגט דערויף דעם פישס האַרץ און די לעבער, און געמאַכט אַ רויך. און אַז דער שד האָט דערפילט דעם ריח, איז ער אַנטרונען צו די העכסטע מקומות פון מצרים, און דער מלאך האָט אים געבונדן. ווי אָבער מען האָט זיי ביידע פאַרשלאָסן, איז טובית אויפגעשטאַנען פון בעט, און געזאָגט: שטיי אויף, שוועסטער, און לאָמיר מתפּלל זיין, כדי דער האַר גאָט זאָל זיך מרחם זיין אויף אונז. און טובית האָט אָנגעהויבן צו זאָגן. געלויבט ביסטו, גאָט פון אונזערע אבות, און געלויבט און געאַכפּערט איז דיין הייליקער נאָמען אויף אייביק; זאָלן דיך די הימלען לויבן און אַלע דיינע באַשעפענישן. דו האָסט באַשאַפן אדם (הראשונען), און אים געגעבן חוהן זיין ווייב פאַר אַ הילף און אונטערשטיצונג: פון זיי איז אַרויסגעקומען די מענטשלעכע זרע. דו האָסט געזאָגט: עס טויג נישט פאַרן מענטשן צו זיין איינער אַליין; לאָמיר מאַכן אַ הילף גלייך צו אים. און איצט, אָ, האַר, נישט מחמת זנות נעם איך מיר די דאָזיקע שוועסטער מיינע, נאָר אויפריכטיק. באַפעל זשע דיין רחמנות אויף מיר און איר, אַז מיר זאָלן זיך עלטערן צ׳זאַמען. און זי האָט געזאָגט אמן. און ביידע זענען געשלאָפן די נאַכט.

און רגואל האָט זיך אויפגעהויבן, און איז געגאַנגען און אויסגעגראָבן אַ קבר, און געזאָגט: טאָמער שטאַרבט ער אויך. און רגואל איז אַריינגעקומען אין הויז, און געזאָגט צו עדנה זיין ווייב: שיק איינע פון די דינסטמוידן, און זאָלן זיי זען צי ער לעבט. אויב אָבער נישט, זאָלן מיר אים באַגראָבן, און קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן. און די דינסטמויד האָט אויפגעמאַכט די טיר, און איז אַריינגעגאַנגען, און זיי ביידן געפונען שלאָפן, און איז אַרויסגעגאַנגען, און זיי דערציילט, אַז ער לעבט, און רגואל האָט געלויבט גאָט, אַזוי צו זאָגן:

געלויבסט ביסטו, גאָט, מיט יעדער לויטערער און הייליקער לויב; און זאָלן דיך לויבן דיינע קדושים, און אַלע דיינע באַשעפענישן; און אַלע דיינע מלאכים, און אויסדערוויילטע, זאָלן זיי דיך לויבן אויף אייביק. געלויבט ביסטו, ווייל דו האָסט מיך משמח געווען; און עס איז מיר נישט געשען ווי איך האָב מיר פאַרגעשטעלט; נאָר דו האָסט געהאַנדלט מיט אונז לויט דיין גרויס רחמנות. געלויבט ביסטו, ווייל דו האָסט דיך דערבאַרעמט אויף צוויי איינציקע קינדער: האַר, שענק זיי רחמים; זיי ממלא זייער לעבן אין געזונט מיט שמחה און באַרעמהערציקייט.

און ער האָט באַפוילן זיינע שטובמענטשן צו פאַרשיטן דאָס קבר. און האָט געמאַכט פאַר זיי חתונה־סעודות פערצן טאָג לאַנג. און איידער עס האָבן



זיך פאַרענדיקט די טעג פון דער חתונה, האָט רגואל אים באַשוואוירן מיט אַ שבועה, אַז ער זאָל נישט אַוועק ביז עס וועלן דערפילט ווערן די פערצן טעג פון דער חתונה; און דאַן זאָל ער נעמען די העלפט פון זיין פאַרמעגן, און גיין געזונט צום פאָטער; און דאָס איבעריקע, ווען איך וועל שטאַרבן און מיין ווייב.

## קאַפּיטל ט.

און טובית האָט גערופן רפאלן, און צו אים געזאָגט: עזריה, ברודער, נעם דיר מיט אַ משרת, און צוויי קעמלען, און גיי קיין רגש אין מדי צו גביאלן, און נעם אָפּ דאָס געלט פאַר מיר, און ברענג אים אהער צו מיר אויף דער חתונה, מחמת רגואל האָט געשוואוירן, אַז איך זאָל נישט גיין; און מיין פאָטער ציילט די טעג; און אויב איך וועל מיך לאַנג זוימען, וועט עס אים זער ווי טון. און רפאל איז געגאַנגען, און איז איינגעשטאַנען ביי גביאלן, און האָט אים איבערגעגעבן דאָס כתב. און ער האָט אַרויפגעברענגט די זעקלעך מיט די חתימות, און אים געגעבן. און ביידע האָבן זיך געפעדערט אינדערפרי, און זענען געקומען אויף דער חתונה. און טובית האָט געבענטשט זיין ווייב.

## קאַפּיטל י.

און זיין פאָטער טוביה האָט געציילט יעדן טאָג; און ווען די טעג פון דער נסיעה זענען דערפילט געוואָרן, און ער איז נישט געקומען, האָט ער געזאָגט: אפשר האָט מען זיי פאַרשעמט? אָדער: אפשר איז גביאל געשטאָרבן, און ער האָט נישט קיינעם, וואָס זאָל אים געבן דאָס געלט? און האָט זער געטרויערט. זיין ווייב אָבער האָט צו אים געזאָגט: מיין קינד איז פאַרלוירן געוואָרן, מחמת ער זוימט זיך אַזוי לאַנג; און זי האָט אָנגעהויבן אים צו באַוויינען, און האָט געזאָגט: קיין זאַך אַרט מיך שוין נישט, מיין קינד, זינט איך האָב דיך געלאָזט גיין, דאָס ליכט פון מיינע אויגן! און טוביה זאָגט צו איר: שווייג, זאָרג נישט; ער איז געזונט. און זי האָט צו אים געזאָגט: זיי שטיל, באַטריג מיך נישט; מיין קינד איז פאַרלוירן געוואָרן! און פלעגט אַרויסגיין יעדן טאָג צום וועג, אויף וועלכן ער איז אַוועק און בייטאָג האָט זי נישט געגעסן קיין ברויט, און ביינאַכט האָט זי נישט אויפגעהערט צו באַוויינען איר זון טובית, ביז עס האָבן זיך געענדיקט די פערצן טעג פון דער חתונה, וואָס רגואל האָט געשוואוירן, אַז ער זאָל דאָרט האַלטן.

און טובית האָט געזאָגט צו רגואלן: שיק מיך אַוועק, ווייל מיין פאָטער און מוטער האָפן מער נישט מיך צו זען. זיין שווער אָבער האָט צו אים געזאָגט: בלייב ביי מיר, און איך וועל שיקן צו דיין פאָטער, און מען וועט אים לאָזן וויסן ווי עס דערגייט דיר. און טובית זאָגט צו רגואלן: שיק מיך צו מיין פאָטער! און רגואל איז אויפגעשטאַנען, און אים געגעבן שרהן זיין ווייב, און די העלפט פון זיין פאַרמעגן, נפשות און בהמות און געלט. און האָט זיי געבענטשט, און אַוועקגעשיקט, אַזוי צו זאָגן: זאָל דער גאָט פון הימל

מַצליח זיין אייער וועג, קינדער מיינע, איידער איך גיי שטאַרבן. און האָט געזאָגט צו זיין טאָכטער: האַלט ערלעך דיינע שווער און שוויגער; זיי זענען איצט דיינע עלטערן; לאָז מיך הערן גוטע בשורות פון דיר. און האָט זי געקושט. און עדנה האָט געזאָגט צו טוביתן: זאָל דער האַר פון הימל דיך אומקערן, געליבטער ברודער, און מיר שענקען צו זעען דיינע קינדער פון מיין טאָכטער שרה, כדי איך זאָל מיך פרייען פאַר גאָט; און זע, איך גיב איבער צו דיר מיין טאָכטער ווי אַן אוצר; און פאַרשאַף איר נישט קיין צער. נאָך דעם האָט זיך טובית אויך געלאָזט אין וועג אַריין לויבנדיק גאָט, מחמת ער האָט באַגליקט זיין וועג; און ער האָט געבענטשט רגואלן און עדנהן זיין ווייב. און איז געפאָרן ביז זיי האָבן זיך דערנענטערט קיין נינוה.

## קאַפּיטל יא.

און רפאל האָט געזאָגט צו טוביתן: ווייסט גאָרנישט, ברודער, וויאַזוי דו האָסט איבערגעלאָזט דיין פאָטער? לאָמיר זשע לויפן פאָרויס פאַר דיין פרוי, און צוגרייטן דאָס הויז. און נעם מיט אין דיין האַנט די גאַל פון פיש. און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, און דער הונט איז מיטגעגאַנגען הינטער זיי. און חנה איז געזעסן אויסקוקנדיק איר זון אויפן וועג. און האָט אים באַמערקט קומען, און האָט געזאָגט צו זיין פאָטער: זע, מיין זון, קומט, און דער מענטש, וואָס איז מיטגעפאָרן מיט אים. און רפאל האָט געזאָגט: איך ווייס (טובית), אַז דיין פאָטער וועט עפענען זיינע אויגן. דעריבער זאָלסטו אים זאַלבן די אויגן מיט דער גאַל, און ווייל עס וועט אים בייסן, וועט ער זיך רייבן, און אַראָפּוואַרפן די ווייסע בלאָנעס, און וועט דיך זעען.

און חנה איז צוגעלאָפן, און געפאַלן איר זון אויפן האַלז, און געזאָגט צו אים: איך האָב דיך געזעען, מיין קינד; פון איצט אָן קען איך שוין שטאַרבן. און ביידע האָבן געוויינט. און טוביה איז אַרויסגעקומען צו דער טיר, און האָט געשטרויכלט. זיין זון אָבער איז צוגעלאָפן צו אים, און האָט אונטערגעכאַפּט דעם פאָטער; און אַרויפגעשפּריצט די גאַל אויף זיין פאָטערס אויגן, און געזאָגט: שלום דיר, טאַטע. ווי אָבער עס האָט אים אָנגעהויבן צו בייסן, האָט ער זיך געריבן די אויגן; און די בלאָנעס האָבן זיך אַראָפּגעשיילט פון די ווינקלען פון זיינע אויגן; און דערזעענדיק זיין זון, איז ער אים געפאַלן אויפן האַלז. און האָט געוויינט און געזאָגט: געלויבט ביסטו, גאָט, און געלויבט איז דיין נאָמען אויף אייביק, און געלויבט זענען אַלע דיינע הייליקע מלאכים; ווייל דו האָסט געפּלאָגט, און זיך דערבאַרעמט אויף מיר. אָט זע איך טוביתן מיין זון. און זיין זון איז אַריינגעגאַנגען מלא שמחה, און דערציילט דעם פאָטער די געוואַלטיקע זאַכן, וואָס זענען געשעען מיט אים אין מדי.

און טוביה איז אַרויס אַנטקעגן צו גיין זיין שנור צום טויער פון נינוה מיט פרייד, און האָט געלויבט גאָט. און די, וואָס האָבן אים געזעען גיין,



האָבן זיך געוואונדערט, ווייל ער איז געווען זעעוודיק. און טוביה האָט אָפּגעגעבן לויב פאַר זיי, ווייל גאָט איז געווען באַרעמהערציק צו אים. און ווי טוביה האָט זיך דערנענטערט צו שרהן זיין שנור, האָט ער זי געבענטשט, אַזוי צו זאָגן: קום געזונט, טאָכטער! געלויבט איז גאָט, וואָס האָט דיך געבראַכט צו אונז, און (געבענטשט) זענען דיינע פאָטער און מוטער. און עס איז געווען אַ גרויסע פרייד פאַר אַלע זיינע ברידער אין נינוה. און עס איז געקומען אחיחרון און נשבז, זיין ברודערנזון, און מען האָט געפּראַוועט טובית'ס חתונה מיט שמחה גאַנצע זיבן טעג.

## קאַפּיטל יב.

און טוביה האָט גערופן טוביתן זיין זון, און צו אים געזאָגט: זע, מיין קינד, אַז דער מענטש, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט דיר, זאָל האָבן זיין שכר, און דו דאַרפסט אים נאָך עפּעס דערלייגן. און ער האָט געזאָגט: פאָטער, עס טוט מיר נישט באַנג אים צו געבן די העלפט פון דעם, וואָס איך האָב געבראַכט; ווייל ער האָט מיך אָהערגעפירט צו דיר בשלום, און האָט געהיילט מיין ווייב, און דאָס געלט מיינס געבראַכט, און אויך אַזוי דיך געהיילט. און דער אַלטער מאַן האָט געזאָגט: עס קומט אים מיט רעכט. און ער האָט גערופן דעם מלאך, און צו אים געזאָגט: נעם די העלפט פון אַלעם דעם, וואָס איר האָט געבראַכט. דעמלט האָט ער גערופן זיי ביידע אין פאַרבאָרגן, און צו זיי געזאָגט:

לויבט גאָט, און גיט אים אָפּ אַ שבח, און פאַרהערלעכט אים, און דאַנקט אים פאַר אַלע לעבעדיקע פאַר אַלעם, וואָס ער האָט געטון מיט אייך. עס איז גוט צו לויבן גאָט און צו דערהייכן זיין נאָמען, אַרויסצווייזן מיט ערלעכקייט גאָטס מעשים; און ווייגערט זיך נישט אים צו דאַנקען. עס איז גוט צו האַלטן פאַרבאָרגן אַ קעניגלעכן סוד, אָבער הערלעך צו אַנטפּלעקן די מעשים פון גאָט. טוט גוטס, און קיין בייז וועט אייך נישט טרעפן. תפילה איז גוט מיט פאַסטן און צדקה און גערעכטיקייט. בעסער ווייניק מיט גערעכטיקייט ווי אַ סך מיט אומגערעכטיקייט. עס איז בעסער צו טון צדקה ווי אָנצוזאַמלען אַן אוצר גאָלד. וואָרום צדקה איז מציל פון טויט, און זי וועט אָפּרייניקן אַלע זינד. די, וואָס טוען צדקה און גערעכטיקייט, וועלן אָנגעפילט ווערן מיט לעבן; די חוטאים אָבער זענען שונאים פון זייער אייגן לעבן. איך וועל נישט פאַרהוילן פון אייך קיין שום זאַך. איך האָב געזאָגט: עס איז גוט צו האַלטן פאַרבאָרגן אַ קעניגלעכן סוד, אָבער הערלעך צו אַנטפּלעקן די מעשים פון גאָט. און איצט, בשעת דו האָסט תפילה געטון, און דיין שנור שרה, האָב איך אַרויפגעבראַכט דעם זכרון פון אייער תפילה פאַר דעם הייליקן (גאָט); און ווען דו האָסט באַגראָבן די מתים, בין איך אויך אַזוי געווען מיט דיר. און דו האָסט דיך נישט געווייגערט אויפצושטיין, און צו פאַרלאָזן דיין סעודה, כדי צו גיין צוצודעקן דאָס מת, איז דיין חסד של אמת נישט געבליבן פאַר־

באַרגן פון מיר: נאָר איך בין מיט דיר געווען. און איצט האָט מיך גאָט געשיקט דיך צו היילן און שרהן דיין שנור. איך בין רפאל, איינער פון די זיבן הייליקע מלאכים, וואָס ברענגען אַרויף די תפילות פון די קדושים, און גייען אַריין פאַר דעם כבוד פון דעם הייליקן (גאָט).

און זיי ביידע האָבן זיך דערשראָקן, און זענען אַנידערגעפאַלן אויפן פנים; ווייל זיי האָבן זיך געפאָרכטן. און ער האָט צו זיי געזאָגט: פאָרכט זיך נישט, איר וועט האָבן שלום; נאָר גאָט זאָלט איר לויבן אייביק. ווייל נישט מחמת מיין אייגענעם חסד, נאָר לויט אונזער גאָטס רצון בין איך געקומען; דערפאַר זאָלט איר אים לויבן אויף אייביק. די אַלע טעג האָב איך מיך באַווייזן צו אייך, און האָב גאָרנישט געגעסן און נישט געטרונקען, איר האָט נאָר געזעען אַ חזיון. און איצט דאַנקט גאָט, ווייל איך גיי אַרויף צו דעם, וואָס האָט מיך געשיקט. און פאַרשרייבט אַלץ, וואָס איז געשעען, אין אַ ספר. און זיי זענען אויפגעשטאַנען, און האָבן אים מער נישט געזעען. און האָבן מודה געווען גאָטס גרויסע און וואונדערלעכע מעשים, און וויאַזוי דער מלאך פון דעם האַר האָט זיך באַוויזן צו זיי.

קאַפּיטל יג.

און טוביה האָט אָנגעשריבן אַ תפילה צו פרייד, און געזאָגט:
געלויבט איז גאָט, וואָס לעבט אייביק, און זיין מלכות.
ווייל ער פלאָגט און האָט רחמנות:
ער פירט אַראָפּ צום קבר, און ברענגט ווידער אַרויף:
און עס איז נישט פאַראַנען אַזעלכער, וואָס וועט אַנטרינען אויס זיין האַנט.
לויבט אים פאַר די פעלקער, איר קינדער ישראל:
ווייל ער האָט אונז צעשפּרייט צווישן זיי.
דאָרטן באַווייזט זיין גרויסקייט,
דערהייבט אים פאַר אַלע לעבעדיקע,
ווייל ער איז אונזער האַר,
און גאָט אַליין אונזער פאָטער אויף אייביק.
און ער וועט אונז שטראָפן פאַר אונזערע עונות,
און זיך ווידער דערבאַרעמען,
און אונז איינזאַמלען פון אַלע פעלקער, וואו איר זענט נאָר פאַרשפּרייט.
אויב איר וועט זיך אומקערן צו אים מיטן גאַנצן האַרצן און מיט אייער גאַנצער זעל,

צו טון אמת פאַר אים,
וועט ער זיך דעמלט אומקערן צו אייך,
און נישט פאַרבאָרגן פון אייך זיין פנים.
און זעט וואָס ער וועט טון מיט אייך,



און גיט אים אַ שבח מיט אַ פּתחון פה,
און לויבט דעם האַר פון גערעכטיקייט,
און דערהייכט דעם אייביקן מלך.
איך אין דעם לאַנד פון מיין געפאַנגענשאַפט גיב אים דאַנק,
און ווייז זיין קראַפט און הערלעכקייט צו אַ פאָלק פון חוטאים.
קערט זיך אום, איר זינדיקע, און טוט גערעכטיקייט פאַר אים.
ווער ווייסט אפשר וועט ער אייך באַוויליקן
און האַנדלען באַרעמהערציק מיט אייך?
איך דערהייך מיין גאָט,
און מיין זעל (דערהייכט) דעם מלך פון הימל,
און וועט זיך פרייען אין זיין גרויסקייט.
זאָלן אַלע רעדן, און אָפּגעבען אים דאַנק אין ירושלים.
אָ, ירושלים, דו הייליקע שטאָט,
ער וועט דיך פּלאָגן פאַר די מעשים פון דיינע קינדער,
און זיך ווידער דערבאַרעמען אויף די קינדער פון צדיקים.
גיב אָפּ דאַנק דעם האַר, ווייל ער איז גוט
און לויב דעם אייביקן מלך,
כדי זיין משכן זאָל ווידער אויפגעבויט ווערן אין דיר מיט פרייד,
און ער זאָל פריילעך מאַכן אין דיר די געפאַנגענע,
און ליב האָבן אין דיר די אונטערגעדריקטע לדור ודור עד עולם.
אַ סך פעלקער וועלן קומען פונדערווייטנס
צו דעם נאָמען פון האַר גאָט,
מיט מתנות אין די הענט,
מתנות פאַר דעם מלך פון הימל;
פון דור צו דור וועט מען דיר געבן גרויס פרייד.
פאַרשאָלטן זענען אַלע, וואָס האָבן דיך פיינט;
געבענטשט וועלן זיין אַלע, וואָס וועלן דיך ליבן אויף אייביק.
פריי דיך און זיי מלא שמחה אויף די קינדער פון צדיקים:
ווייל זיי וועלען איינגעזאַמלט ווערן און לויבן דעם גאָט פון די צדיקים.
אָ, וואויל איז די, וואָס האָבן דיך ליב;
זיי וועלן זיך פרייען אויף דיין שלום:
וואויל איז די, וואָס האָבן געטרויערט אויף אַלע דיינע מכות:
ווייל זיי וועלן זיך פרייען אויף דיר,
ווען זיי זעען דיין גאַנצע הערלעכקייט;
און וועלן זיך פרייען אויף אייביק.
זאָל מיין זעל לויבן גאָט דעם גרויסן מלך.
ווייל ירושלים וועט אויפגעבויט ווערן מיט סאַפּירן און שמאַראַגדן,
און מיט טייערע שטיינער — דיינע פונדאַמענטן;
און דיינע טורעמס און פעסטונגען — מיט לויטער גאָלד.

און די גאַסן פון ירושלים געפלאַסטערט מיט פּערל און גאַרפינקל
און שטיינער פון אופיר,
און אַלע אירע געסלעך וועלן זאָגן: הללויה, און זינגען לויב,
און זאָגן:
געלויבט איז גאָט, וואָס האָט (דיך) דערה יכמי אויף אייביק.

קאַפּיטל יד.

און טוביה האָט פאַרענדיקט זיין שיר פון לויב. און ער איז אַלט געווען אַכט און פיפציק יאָר, ווען ער האָט פאַרלוירן די ראיה; און אין אַכט יאָר אַרום איז ער ווידער זעעוודיק געוואָרן. און ער האָט געטון צדקה, און געמערט זיך צו פאָרכטן פאַר דעם האַר גאָט, און אים געדאַנקט.

און ער איז געוואָרן זער אַלט; און האָט גערופן זיין זון, און זיין זונס זין, און געזאָגט צו אים: גיי קיין מדי, מיין קינד, ווייל איך בין בטוח אין די זאַכן, וואָס יונה הנביא האָט גערעדט וועגן נינוה, אַז זי וועט איבערגעקערט ווערן; אין מדי אָבער וועט נאָך זיין שלום ביז אויף אַ צייט; און אַז אונזערע ברידער וועלן צעשפּרייט ווערן אויף דער ערד פון דעם גוטן לאַנד; און ירושלים וועט זיין וויסט, און גאָטס הויז אין איר וועט ווערן פאַרברענט און זיין חרוב אויף אַ צייט; און גאָט וועט זיך ווידער דערבאַרעמען אויף זיי, און זיי אומקערן אין דעם לאַנד אַריין, און זיי וועלן אויפבויען דאָס בית (המקדש), נישט ווי דאָס ערשטע, ביז די צייטן פון דער וועלט וועלן זיין דערפילט; און דערנאָך וועלן זיי זיך אומקערן פון די געפאַנגענשאַפטן, און אויפבויען ירושלים מיט הערלעכקייט, און גאָטס הויז אין איר וועט אויפגעבויט ווערן מיט הערלעכקייט, ווי די נביאים האָבן גערעדט דערפון. און עס וועלן זיך קערן אַלע פעלקער באמת זיך צו פאָרכטן פאַר דעם האַר גאָט, און וועלן צעשטערן זייערע אָפּגעטער. און אַלע פעלקער וועלן לויבן דעם האַר, און זיין פאָלק וועט אָפּגעבן שבחות צו גאָט, און דער האַר וועט דערהייכן זיין פאָלק; און עס וועלן זיך פרייען אַלע, וואָס האָבן ליב דעם האַר גאָט באמת און מיט גערעכטיקייט, טוענדיק חסד צו אונזערע ברידער. און איצט, מיין קינד, גיי אַוועק פון נינוה, ווייל אַלץ, וואָס יונה הנביא האָט גערעדט, וועט געשעען. דו אָבער זאָלסט אָפּהיטן די תורה און די מצוות, און ווער אַ ליבהאָבער פון רחמנות און זיי אַ צדיק, כדי עס זאָל דיר גוט גיין. און זאָלסט מיך שיין קובר זיין, און דיין מוטער צוזאַמען מיט מיר; און וואוינט מער נישט אין נינוה. מיין קינד, זע וואָס אמון האָט געטון צו אחיחרון וואָס האָט אים געגערט, ווי אויס דעם ליכט האָט ער אים געפירט אין דער פינסטערניש אַריין, און וואָס ער האָט אים אָפּגעצאָלט. און אחיחרון איז דאָך געראַטעוועט געוואָרן, יענעם אָבער איז אָפּגעגעבן געוואָרן זיין באַלוינונג. און האָט אַליין אַראָפּגענידערט אין דער פינסטערניש אַריין. מנשה האָט געטון צדקה, און איז ניצול געוואָרן פון דער פּאַסטקע פון טויט, וואָס ער



האָט פאַר אים געזעצט. אמון אָבער איז (אַליין) אַריינגעפאַלן אין דער פּאַסטקע, און איז אומגעקומען. און איצט, מיינע קינדער, זעט וואָס צדקה טוט, און ווי גערעכטיקייט איז מציל.

און בשעת ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער אָפּגעגעבן זיין נשמה אויפן בעט; און ער איז אַלט געווען הונדערט און אַכט און פופציק יאָר; און ער האָט אים קובר געווען מיט כבוד. און ווען חנה איז געשטאָרבן, האָט ער זי באַגראָבן צוזאַמען מיט זיין פאָטער. און טובית איז אַוועק מיט זיין ווייב און קינדער קיין עקבתנה צו רגואל זיין שווער. און ער איז אַלט געוואָרן בכבוד, און ער האָט קובר געווען זיין שווער און שוויגער מיט כבוד, און גע־ירשנט זייער פאַרמעגן, און זיין פאָטער טוביה'ס. און ער איז געשטאָרבן אין עקבתנה, אַלט זייענדיק הונדערט און זיבן און צוואַנציק יאָר. און איידער ער איז געשטאָרבן האָט ער געהערט פון דעם חורבן פון ננוה, וואָס נבוכדנצר און אחשורוש האָבן פאַרנומען, און פאַרן שטאַרבן האָט ער זיך געפריידט איבער נינוה.

גריכישן טעקסט,
איבערגעזעצט פון **א. אַלמוג.**

## א. נ. שטענצל

### חד-גדיא

אונטער וואַקלדיק. וואַנגלדיק ווינעלע,
אין אייגן בלוט ליגט קלאָר־ווייסינק ציגעלע
און קינד אין ווינעלע לעבט אויך שוין נישט מער;
איבער יענקעלע, אויף טויט אַ פאַרקייכטער,
צאַנקט צוקאָפּנס אָנגעצונדענער לייכטער,
פון הענגען געבליבענער מאַמעשי־טרער.

קומט קעצל מיט גענגל באָרוועסן שטילן,
און ווילד הינטל מיט וואָיענדיקן בילן,
נישט אַזוי צום באַקלאָגן, ווי צום געשפּעט,
ווי פרומע ניאַנקע פונקט און שבת־גויע...
פון זייער פאַלטשן געמיאַו און געוואָיע,
כאַפּט זיך יענקעלע אויף פון זיין הינערפּלעט —

אַז גוט און ווייל וואָס קעצל איז אַ פרומע
און הינטל גנב האָט, שטיק זיינע, קרומע,
אַז נישט געוועזן וואָלט יענקעלע שוין ט.יִנ:
אָבער צום געקוילעט זיין, נאָך פאַרשפּעטן?
געשטאָרבענערהייט שוין, מ'מוז זיך נאָך רעטן!
אַי וואָס ציגעלע־וויים גאָר גליוועדט איצט הויט — — —

איז גין־גאָלד גלעקל בלויז לויטער געבליבן —
קלינג, קלאַנג! צוויי גילדן פלינק צוזאַמענגעקליבן,
און אַ ציגעלע ווייס צוריק אָפּגעקויפט!
ניין, נישט מערער אונטער וויגעלע שטעלן,
אַז שוחט זאָל׳ס קוילען, ווען נאָר ר׳וועט ווען — — — —
אַ קליין ציגעלע אויף לאַנקעס ארומלויפט!

יאָ, אויף פרייע פלוינען ארומגעלאָפן,
פונם וואַסערל מיטן אָקס געזאָפן,
און ווילד געשפּרונגען איבער שטעקל און שטיין;
פון פייערל אַרויס שוין האַלב געבראָטן,
נאָך בייגעקומען דעם פינסטערן שטן,
און ראַנגלען צומאָל מיט כביכול אַליין.

# דריי איבערצייטיקע צייט לידער

## 1. נירנבערג

נישט אויף אַלע פיר איז ער צוגעקומען,
אוראַנג־אוטאַנג שטייט זיכער אויף צוויי קרומע פיס;
און נישט ווערטער שיטן זיך אים פונם פּיסק,
שאַלעכצער, פון פלינק־שלינגענדיקע מאַלפּע־ניס.

פון אונטער דעם אַראָפּגערוקטן שטערן
קוקן חזיר־אייגעלעך מיט טריפה׳נעם בליק;
ס׳איז נישט אויפגעשטעלטער קרייץ אויף ריכטער טיש —
כיטרעדיקער „קרייץ־פּאַרהער״ צווישן סמיק און טריק:

„הויכער ריכטער, איז דאָך נאָך פאַראַנען,
גערמאַנישער באַגריף פון גוט און פון שלעכט,
וואָרים נישט קריגס־רעכט, נישט פּאָליטישע —
איך וויל פאַרטיידיקן דאָ מענטשלעכע רעכט!

ריין־ראַסיש כ׳בין, געבוירענער לאַנץ־קנעכט,
און איך ווייס און איך טו מיין הייליקע פליכט;
נישט עפּעס דאָרטן 50 פּילאָטן — — — — —
פאַר „יידן פאַרניכטונג״ איך שטיי פאַר געריכט!

דייטשן זיינען טיכטיק, זיינען פּינקטלעך,
וואָס מיר נעמען אונטער דאָס פירן מיר אויס,
און דאָס וואָס געשען, ס׳איז נישט אונזער שולד —
אַ נישט פאַראויסגעזעענער צופאַל בלויז!



וואָלטן די רוסן נישט אָנגעקומען,
מיר וואָלטן פון זיי זיכער אַ סוף געמאַכט,
איר מוזט אָבער אַלענפאַלס דאַנקבאַר זיין,
די 6 מיליאָן כאָטש מיר האָבן אומגעבראַכט.

יאָ, נישט אויף איינמאָל ווערט רוים אויפגעבויט,
נישט אויף איינמאָל אַלע יידן אויסגעראָט — —
צווישן אונז גערעדט: דאָס וואָס געבליבן,
קומט גוט צונוץ פאַר נייעם מלחמה־פּלאָט —

יידן אין דער פּאָליטיק, מ׳וואַרפט איבער
ווי אין קריגס־צייט מיליטער פון פראָנט צו פראָנט!
די געבליבענע פון גאַז־קאַמערן
צעפלאַמען זיי נישט דעם אַראַבישן סוואַנד?

אָ, דעם נייעם צוג אַצינד נאָך אָסטן,
ווען איר גיט אים איבער אין אונזערע הענט,
נישט נאָר ס׳בלייבט קיין איין ייד נישט איבער —
געזיכערט עס בלייבט אייך דער גאַנצער אָריענט!

דייטשן זיינען טיכטיק, זיינען פּינקטלעך,
וואָס מיר נעמען אונטער דאָס פירן מיר אויס,
הויך־געריכט, נישט קריגס, נישט פּאָליטישע —
הייליק מענטשלעכע רעכט מיר פאָדערן בלויז!״

דער ריכטער האָט נישט שלעפעריק גענענעצט,
ווען די פאַרטיידיקונג איז געווען אין גאַנג...
ער האָט זיך, אפשר געטראַכט גאָר: נאָך ניו־יאָרק
ווי קריגט מען אַריבער אַזאַ אוראַנג־אוטאַנג...

## 2. אונאַ

די באַלאַדע פון אַטאָם און אונענדליכקייט

ווי מיט פּאַטראָנעס אָנגעלאָדן מיט פּאָרטפּעלן,
און ווי מאַשינען־געווער פּונקט קלאַפּן שרייב־מאַשינען,
נישט מענטשלעכע בלוט רינען אין די אָדערן —
זידנדיקע אויפּטליענדיקע פּעטראָליום־מינען.

אויף טויזנט פלינקע רעדער גייען זייערע הערצער.
עס איז יעטווידער קאָפּ אַ שווינדלדיקער פּראָפּעלער,
ווי טראַנסמיסיעס פּראַלן קאָמיסיעס אין די זאַלן,
טאַנצנדיקע קאַדרילן אויף מאַסקעראַדן בעלער.

ניין, נישט פון יענע גין־גאָלדענע טעמפּל־כּלים
ווערט געשיכורט דאָ איצט און מבושמדיק געזאָפן —
איבערשוימענדיקע בעכער — זייערע שיידלען,
פול פאַלטשע כיטרע און מיתה־משונה־בלאָפן.

נישט שיכורלעך־איבערלאָפן פינקלען די אויגן,
פון אַלטע ווײַנען און שטאַרקע מיקסטור געטראַנקען —
מיט טעלעפונקען ווינקען בליקן זיך איבער!
אַטאָמען אויפצוברעכן מישן זיך די געדאַנקען!

אָבער האַנט אויף וואַנט, איבער קעפּ מבושימדיקע,
איז ווי אין בלשצר׳ס צייטן די זעלבע געבליבן,
נאָר נישט מיט קאַלך־אויוון־סאַזשע געציילטע ווערטער —
מיט קרעמאַטאָריום־קוימען־רויך האָט זי איצט געשריבן:

„זיי וועלן פאַלן פון אייערע בלוטיקע הענט,
די אַטאָם־באָמבעס און וועלן אויפגעריסן ווערן,
איר וועט זיך אַזוילאַנג רייסן איינער מיט צווייטן,
ביז די געוואַלטיקע קנאַלן וועלן זיך דערהערן.

זע, עס איז סיבה ומסובב און עס איז קאַוזאַל,
אַז די רויכן פון אָשוויץ קרעמאַטאָריום־קוימען,
אויפגעקייטלטע אין רינגלעך אויסגעלייטערטע,
אין צייט אַראָפּצופאַלן, זיי זאָלן נישט פאַרזוימען.

יאָ, דעם גייסט פון דער וועלט קאָן מען נישט „אונא“נירן,
ווי לאַוועס ברעכט עס אויס, זיך אַליין צו פּאַרטיליקן!
אַזאַ הייליק אויפגעגאַנגענער קרבנות רויך,
אָן מתודה זיין זיך, קאָן גאָט אים נישט באַוויליקן.

גריבער פאַר מיליאָנען צו קבורה נישט געברענגטע —
גרויסע קראַטער־קברים וועלן אויפגעריסן ווערן!
ווען אייער ווידוי, לעבעדיקע באַגראָבענע,
וועט ערשט זיין דאָס מתודה זיין, וואָס וועט זיך דערהערן — —



נישט זיך פאַרטיידיקן, נישט אומשולד צו באַווייזן,
קאָן רויכערדיקע נקמה־דאָרשט אין מענטשן שטילן,
ווי אומזיסט פאַרגאָסן בלוט, ס׳מוז האַרץ זיך אויסגיסן,
אַז אָנגעפילט ס׳זאָלן ווערן מיט געלייטערן ווילן — — —“

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נישט ראַדיאָ־הילכערס מיט פּראַלן און פאָרמולעס,
נישט סטענאָגראַפיש־איבערבליקן איינער מיט צווייטן —
פונם קרעמאַטאָריום־אויוון אַרויס אַ דניאל
מ׳מוז שוין אַרויסנעמען, ער זאָל די ווערטער אויסדייטן.

## 3. ביי דער אנגלא־ אמעריקאנישע קאמיסיע

### א. געווידמעט איינעם פון די קאָמיסיע־לייט...

דאָרטן האָט מען דעם קרבן מיט געזאַנג געשאָכטן,
און דאָ פּאַלמעסן זיי אים מיט פּסאַלמען־לידער — —
כ׳האָב געזען איינעם ווי ר׳האָט די הענט זיך געריבן,
און זיין גאַנץ פאָלק מיר געוואָרן ווי דערווידער.

(איז דאָך פאַר אונז גענוג געווען, נאָר יחידים,
אַז דערלעבן מיר זאָלן אונזער מערכה:
ווען איין ייד טויג נישט, טויג דאָך שוין אונזער גאַנץ פאָלק נישט!
דערפאַר בעט איך מוחל זיין מיר, מיין הנחה...)

ווי קלוגיטשקע, ווי כיטרע ער האָט דאָס אויסגעפרעגט,
און דאָס אַרויסבאַקומענע, פלינק פאַרשריבן — —
ר׳וואָלט איבער קעפּ מיט אַ שווערן האַמער געשלאָגן,
האָט ער דערנאָך מיט גענוס די הענט געריבן.

צו זיין אַ מבין, אויף דעם מין אין־הענט־זיך־רייבן,
מ׳מוז גאָרנישט זיין אַזאַ געוואַלטיקער קענער,
און וויסן, אַז נייע קדושים וועלן צוקומען,
צו דעם געהייליקטן יוסף חיים ברענער.

אפנים, עס פּאַסט זיי נישט, די בייבל־ליבהאָבער,
אַז די קדושה פון הייליקן לאַנד זיין זאָל מינדער,
ווי די הייליקגעוואָרענע ערד פון חוץ־לארץ,
אָנגעזאָפּט מיט בלוט פון זקנים און קינדער...

אינדערהיים די ערד דאָרט מיט הרוגים צעאַקערט,
און דאָ פּאַלמעסט מען אונז מיט פּסאַלמען־געזאַנגען — —
פון אַזעלכע זיך רייבנדיקע ידי־עשו,
וואָס שוין דערוואַרטן און גוטס עפּעס פאַרלאַנגען.

## לזכרון פון וו. וויעוויאַרקע

דורך ברענענדיקע קאַלך־אויוונס, דורך שייטער־הויפנס
און דורך גאַז־קאַמערן מיר זיינען געגאַנגען,
און פונקט ווי יענע טרערנדיקע תהלים־פּסוקים,
מיט טרערן אָנגעזאַפּט אונזערע געזאַנגען.

און מיט אַ גלייבן, אַ געוואַלטיקן, זיכערן,
די גאַנצע וועלט שוין אויף אייביק צו דערלייזן !
די רעדעלעך רויך פון די קרעמאַטאָריום־קוימענס —
הימלישע מזלות איבער אונז זיך קרייזן — —

יאָ, אַז פון יענעם קאַלך-אויוון אַ דניאל,
שפּינאָזאַ פון יענעם שייטערדיקן ברענען,
מיט וואָסער גרויסע אַצינד, אַז מיט מיליאָנען,
פון קרעמאַטאָריום פלאַמען, ארויס מיר זענען —

פון גאַזן און פון רויך, פון שטיקנדיקע פלאַמען
קרייזן זיך דען נישט אַרויס ליכטיקסטע זונען ?
אָ, אַז איך פיל פליסן אין מיר דאָס בלוט פון יענע —
וואָס האָבן זיך אין גאַז־קאַמערן געפונען. — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

דורך ברענעדיקע שייטערס־רויך געטאָס אין פלאַמען,
לעבעדיק פאַרשאָטן, דורך קברים געגאַנגען,
מיט הענט, צעשטרעקטע, גאַנצע וועלט אַרומצונעמען — —
מיט הענט, גלויביקע, דעם הימל צו דערלאַנגען — —



## אברהם פנחס ציקערט

# מאַמע

די וואַגאָנס האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָגן, אָנגעקלונגען און זיינען שטיין געבליבן צווישן צוויי רייען דראָטן אונטער וועלכע ס'האָבן זיך געזען שטאָל־באַראַקן, און מענטשן אין געשטרייפטע קליידער זיינען געבליבן — מיט בליקן פון יענער זייט דראָטן — צו די וואַגאָנס געווענדעט.

אין די פאַרמאַכטע וואַגאָנס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג. די ווי מיסט אויסגעשפּרייטע מענטשן, האָבן זיך מיטאַמאָל אַרים געטון פון זייערע נאָרעס, אָנגעשטויסן זיך איינער איבער דעם אַנדערן און געשאָלטן, געזידלט, און יעדער האָט געוואָלט קומען צום זעלבן, צו דער נאָך געשלאָסענער טיר, פון אַנדערע וואָגנס האָט זיך אַ סקריפּן געהערט, אַ סימן, אַז יענע טירן זיינען שוין געעפנט, באַלד וועט מען אויך די טירן פון דאָ עפענען און אַרויסלאָזן פון די פאַרשטויבטע וואָגנס.

אין ווינקל פון וואַגאָן האָבן זיך פיר מענטשן צוזאַמען געהאַלטן, אַ קראַנקע מאַמע מיט אירע דריי קינדער. דער זון מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און מיט נאָך אַ קינדעריש־פּנים וואָס האָט כמעט קיין שייכות נישט געהאַט צו זיינע אַכצן יאָר און צוויי טעכטער, איינע פון זעכצן יאָר און די אַנדערע נאָך אַ קינד קוים עלף יאָר אַלט. זיי זיינען גלייך ווי די אַנדערע ערשט נעכטן געוואָרן אַרויסגענומען פון די שטיבן און דאָ אַהערגעברענגט אין די פאַרמאַכטע וואַגאָנס. די אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַמיליע זיינען גראָד נישט געווען אינדערהיים און זיינען דעריבער פאַרלויפיק געבליבן נאָך אין געטאָ. די פאַמיליע איז אַזוי אַרום צעטיילט געוואָרן שוין דאָס פינפטע מאָל. ס'האָט אַ ריס געטון און די טירן האָבן זיך געעפנט. דאָס קליינע שטיקל דרויסן איז געווען אָנגעפילט מיט אָנגעקומענע וואָס זיינען שוין געשטאַנען אינדרויסן אויסגעשטעלט. אַרום זיינען געלאָפן אין שטרייפן־אָנגעטוענע מענער, מיט פאַרשוויצטע פּנים'ער און אָנגעטריבן אין לופט ווילדקייט, מיטמענער, מיט פאַרשוויצטע פּנים'ער און אָנגעטריבן אין לופט ווילדקייט, מיט־ געברענגט מיט זיך בהלה און אָנגעזאָגט, אַז דאָ וועט באַלד פאַרקומען עפּעס אויף וואָס קיינער רעכנט זיך נישט. זיי זיינען אַריין אין די וואַגאָנס און דער ערשטער באַפעל איז געווען: „אויסשטייגן אָן די פּעקלעך.“ ס'איז פאַרגעקומען אַן עלעקטרישער ציטער, ווי ווינט וואָלט איבער ווייכע גרעזער געבלאָזן און די בליקן פון די שוין ביי דער טיר זייענדע האָבן זיך געווענדעט טיפער אין די וואַגאָנס אַריין ווי פון די ווייטערע אַ מיינונג צו דערוואַרטן. דערנאָך ווען יענע האָבן מיט שטומע פראַגע־בליקן צוריקגעענטפערט זיינען אַלעמענס אויגן געווענדט געוואָרן אויף די אייגענע פּעקלעך, און אויף אייגענע פאַראַנטוואָרטונג האָבן — ווער מיט די פּעקלעך און ווער ס'איז אָן זיי — די מענטשן גענומען פאַרלאָזן דעם וואַגאָן.

מאַשע מיט אירע קינדער זיינען געבליבן די לעצטע. זי איז געווען

זער שוואַך און די קינדער האָבן איר געהאָלפן בײַם אַראָפּגיין פון וואָגאָן. זי האָט — שוין אין דער שטייענדיק נאָך אַמאָל אַ בליק געטון אויף איר ביסל האָב, און ס׳האָט איר אַ שטאָך געטון אין האַרץ. די מלאכי־חבלה אין די שטרייפן־קליידער האָבן שוין געריסן די זעקלעך אַרויסגעוואָרפן אַלעס פון אינווייניק און פון אַלעם געמאַכט אַש. ענדלעך האָט זיך אויך מאַשע געפונען צווישן די אויסגעשטיגענע. מענער, פרויען און קינדער זײַנען געשטאַנען אָנגעטריבן בײַ די רעלסן, האָבן גערעדט צווישן זיך אין ווילדן כאַאָס, און קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער צווייטער רעדט, וואָס ער וויל, און בכלל וואָס דאָ קומט אַזעלכעס פאָר.

ס׳איז פאַרבײַ געלאָפן אַן אָפיציר, האָט אַ שטויס געטון אַ פרוי און איז געלאָפן ווייטער. דער שטויס האָט ווי אַ טרויעריקע נבואה אַרײַנגעדרונגען אין די איבריקע הערצער. אָנגעשלאָגן דאָרט אַ פראַגע און קלאָר געמאַכט, אַז דאָ שמעקט מיט רציחה קעגן וועלכער ס׳העלפט נישט קיין ווערן זיך.

ווי די שדים זײַנען פאַרבײַגעלאָפן די אין שטרייפן־קליידער אָנגעטוענע מענער, האָבן נאָכגעקוקט ווער ס׳טראָגט אַ זייגער און געהאַלטן אין איין רעדן צווישן דער מאַסע.

„ווער ס׳האָט גאָלד אָדער זילבער, ווערט־זאַכן האַרטע אָדער ווייכע (געמיינט גאָלד אָדער פּאַפּיר געלט,) דער זאָל עס אונז אָפּגעבן. מ׳עט אײַך אַזוי ווי אַזוי אַלעס אַוועקנעמען. אין איין האַלבע שעה וועט איר שוין סײַווי נישט מער לעבן. אַלזאָ ווער ס׳האָט גאָלד גיט עס אַהער.“

די מענטשן האָבן אויף זיי געקוקט ווי אויף הענקער און זיי האָבן טאַקע אַזוי אויסגעזען. רויטע אויסגעפּרעסענע פּנים׳ער מיט אַ מעפּיסטאָ איראָניע־שמייכל אין די אויגן, האָט אין זיי געשטעקט יענע צופרידענהייט וואָס איז געווען גוט באַקאַנט פאַר ס.ס.־לײַט בײַם סאָרטירן אונבאַהאָלפענע.

זיי זײַנען פאַרבײַגעלאָפן פאַר מאַשען, דער ייִנגל האָט געטראָגן אויף דער האַנט אַ גרויסן זייגער מיט אַ שוואַרץ ציפער־בלאַט. איינער פון די חברה האָט עס באַמערקט, האָט דעם ייִנגל אָרים געטון פאַר דער האַנט און איז מיט דעם זייגער אַוועק. דער ייִנגל איז געבליבן שטיין אַ רגע און נישט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר. מאַשע האָט עס באַמערקט און אַ זאָג געטון: „לאָמיר נור לעבן וועלן שוין זײַן אַנדערע זייגערס. לאָמיר נור לעבן בלײַבן.“ אירע ווערטער זײַנען געזאָגט געוואָרן אין יענעם טאָן וואָס האָט פאַראַטן איר יאוש צום לעבן. זי האָט אומבאַהאָלפן אַ גלעט געטון איר קליינע טאָכטער איבער דעם קעפּל און זיך פאַרקוקט ערגעץ ווײַט... ווײַט... ווי נור אַ מאַמעס בליק דערגרייכט. ס׳איז איר געווען שווער. פּנחס האָט עס באַמערקט און איר געוואָלט אַרויסהעלפן, ער האָט נור נישט געוואוסט ווי אַזוי. איין אויגנ־בליק איז פאָרגעקומען די פאַרשטענדיקונג, ווי די מאַמע וואָלט פאַרשטאַנען זײַנע געדאַנקען. זי האָט זיך אומגעווענדעט צו אים. שטום צוריק געענטפערט אויף זײַן בליק און... איז ווידער אַוועק אין אירע געדאַנקען.

פון די פאָרנט שטייענדע האָט זיך דערטראָגן, דער באַפעל אַלץ ווייטער



און ווייטער: „מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער.“ מאַשע האָט זיך ווידער געכאַפּט ווי עפּעס צוטון, זי האָט גענומען אירע צוויי טעכטער און די לעצטע ווערטער צום זון זײַנען געווען: „מ׳זאָגט אַז יעדן זונטיק קען מען זיך צוזאַמענטרעפן.“

זי האָט אירע ווערטער אַליין נישט געגלויבט.

פּנחס האָט אַ רגע נאָכגעקלערט נאָך אירע ווערטער און צום סוף זיך געווענדעט צו דער קליינער מרים: מרים, האַלט דיך צוזאַמען, זע זאָלסט נישט אַוועקקומען.“ ער איז אַוועק נישט געזעגנדיק זיך. ס׳האָט אים באַלד באַנג געטון, נור ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. אַ ביטערניש האָט אים די גאַל געפּרעסן און ער האָט זיך צעוויינט...

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש צוערשט זײַנען געגאַנגען די מענער. יעדער האָט באַזונדער אַדורכגעמאַרשירט פאַר אַ שטאַב פון ס.ס.־לײַט. איינער פון זיי האָט מיט אַ פינגער־ווײַז געגעבן דעם צייכן. רעכטס אָדער לינקס... און קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס זײַן וועג באַטײַט.

ס׳האָבן אַדורכגעמאַרשירט פרויען. די ערשטע האָט די עלטערע טאָכטער פאָרגעטרעטן. מיט אַ פינגער־ווײַז איז זי אַוועק אויף דער רעכטער זײַט. און מאַשע מיט דעם קינד בײַ דער האַנט איז געשיקט געוואָרן לינקס.

די אָרעמע מאַמע איז געווען שוין גאַנץ צעבראָכן. אַ שאַכטל מיט צוקער האָט זי פעסט געדריקט אין דער האַנט מיט ו עם קינד בײַ דער אַנדערער האַנט האָט זי מיט בלינדע אויגן געשפּרייזט נאָך פאָרנט און געוואוסט, אַז פון אירע אַכט קינדער איז זי געבליבן נישט מער ווי מיט דער קליינער מרים.

דאָס אויסשטעלן איז געווען שוין אַריבער. טובה איז מיט אירע אויף רעכטס צוגעטיילטע אַוועק און מרים האָט מיט אַ שנײַדענדע קינדישע שטימע געזאָגט: „מאַמע, זעסט? דאָרט גייט טובה.? די מאַמע האָט אַרויסגעזעצט אירע בלינדע אויגן, געוואָלט נאָך איינמאָל כאָטש אָנקוקן איר טאָכטער און נישט געקענט. די אויגן זײַנען איר פאַרלאָפן מיט טרערן און זי האָט גאָר־נישט געזעען.

מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין פינפער רייען און זיי האָבן אָנגעהויבן מאַרשירן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג ווי די ערשטע.

ס׳האָט גענומען רעגענען. אַ שפּיציקער דינער רעגן האָט אַדורכגענומען די ביינער, און די מענטשן זײַנען געגאַנגען ווי בײַ אַ לויה. שווער פאַרטיפט יעדער אין זײַנע אייגענע געדאַנקען, האָבן זיי אַלע געפילט אַז ס׳איז געבראָכן **געוואָרן** אַ געזעץ, און די פאַרברעכער האָבן נישט קיין מורא פאַר די ריכטער. לאַכן זיי אין פּנים אַרײַן און טוען זייער פאַרברעכן.

ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. פון צפון איז אַ ווינט געקומען זיך צעוויינט איבער די אָפענע פעלדער געקלאַפּט איבער די באַראַקן און גערופן אין דער נאַכט אַרײַן: „זעט, זעט, שוין ווידער אַ טראַנספּאָרט.“ די נאַכט האָט נישט געענטפערט. אין פינצטערניש האָט אַ שוואַרצע מאַסע געצויגן, דער רעגן

האַט געשמיסן איבערן פּנים און נאָך צוגעשלאָגן די פון גורל געשמיסענע צום אומגליק.

מאַשע איז געגאַנגען נעבן איר טאָכטער.ביידע האָבן שטיל געוויינט אין דער נאַכט אַריין און בילדער זיינען געפליוגן. דאָס פינצטערניש האָט נאָכאַמאָל אויסגעאַרבעט די פאַרגאַנגענהייט און זי פאַרבייגעבערענגט פאַר מאַשעס אויגן.

...אָט איז דאַכט זיך ערשט נעכטן געווען. איין האַלבע שעה איידער די פּאָליציי האָט די גאַס באַלאַגערט. מאַשע איז געלעגן אין איר בעט. פּנחה איז געשטאַנען צופוסנס און גערעדט: „וועסט זעען מאַמע ס׳וועט נאָך גוט זיין. באַלד וועט די מלחמה קומען צו ענדע. וועסט ווידער זיין געזונט, מאַמע, און וועסט דיך נאָך זעען מיט די אַנדערע קינדער...“

דאָס בילד איז געבליבן פאַר אירע אויגן און דער געדאַנק האָט גענומען אַליין אַרבעטן: ..זעען מיך מיט אַנדערע קינדער.. אַוועק.. אַוועק., אַלעס אַוועק.. פאַר מיינע דרייסיק יאָר שווערע אַרבעט.. אַוועקגעריסן מיינע קינדער, וואוהין..? וואוהין האָט מען אייך פאַרשלעפּט..? וואוהין זענט איר אַוועק..? וועלכער מערדער האָט עס מיין נעסט צעבראָכן..? צעבראָכן אַזוי, אַז גאָרנישט איז מער געבליבן.. גאָרנישט.. בלויז די קליינע מרים...

מרים... אומגליגליך מרים... ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן האָט מען מיר גליק צוגעזאָגט.. גליק.. האַ.. (אַן איראָנישער געלעכטער האָט זיך אין איר געדאַנק אַ וויקלגעטון).. יעצט גייען מיר וואוהין..? זעסט דאָרט שטייט די נאַכט...

נאַכט.. יאָ יעצט איז נאַכט. און אין דער נאַכט גייען מיר.. מיר פון גורל געשמיסענע און פון יענער נאַכט קומט שוין דאַכט זיך קיינער נישט אַרויס.. דאָרט איז דער סוף.. סוף.. ווי ביטער און שרעקלעך דער סוף איז.. קומט קינדער, קומט זעט, ווי שלעכט זעט אויס דער טויט פון אייער מאַמען.. קומט קינדער, קומט און זעט...

זי האָט זיך איבערגעוועקט פון אירע געדאַנקען. זיי זיינען געשטאַנען אין טויער, פון דאָרט זיינען זיי אַריין אין אַ הויף דערנאָך אין אַ שטאַל־באַראַק. אויף אַ באַנק איז געשטאַנען אַן אָפיציר און גערעדט: „ווער ס׳האָט גאָלד, ווערט־פּאַפּירן, דער זאָל עס נישט פּרואוון צו באַהאַלטן, אַלעס מוז ווערן אָפּגעגעבן. ווער ס׳וועט נישט אָפּגעבן די אויבנדערמאָנטע זאַכן, דער ווערט דערשאָסן.“

די ווערטער זיינען געוואָרן צו באַפעל, וועלכער האָט סוגעסטירט די מאַסע.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלט־גאָלד־און ווערט פּאַפּיר־אַקציע. כמעט יעדער האָט נאָך געהאַט עפּעס. דער אָפיציר האָט אַלעס צוזאַמענגעזאַמלט אין אַ וואַש־שיסל, אַרומגעגאַנגען אַרום דעם צוזאַמענגעקליבענעם עולם אַפּאָר מאָל. דערנאָך האָט ער עס איבערגעגעבן אַ צווייטן אָפיציר וועלכער איז מיט דעם אַלעם אַרויסגעגאַנגען. ער איז צוריק אַרויף אויף דער באַנק און ווידער



אַמאָל גענומען רעדן: „איר ווערט איצט אַלע געבאָדן. יעדער טוט אויס זיינע קליידער אויף דעם אָרט וואו ער שטייט גראָד. איר באַקומט ביים אַרויסגיין פון באָד אַנדערע קליידער. זייף און אַ האַנטוך באַקומט אויך יעדער איינער ביים אַריינגיין צום וואַשן.“ ווידער האָט זיין באַפעל נישט אַרויסגערופן קיין ווידערשטאַנד. אין זיין געגענוואַרט האָבן פרויען זיך אויסגעטון אַדם־נאַקעט ס׳האָט זיך געעפנט אַ טיר און ער האָט ווייטער גערעדט: „דאָס באָד איז אַביסל אַראָפּצוגיין אָבער דאָס איז נור געמאַכט געוואָרן וועגן הייץ באַקוועמלעכקייט.“ די ערשטע האָבן גענומען אַראָפּגיין און זיינען שטיין געבליבן. אונטן זיינען געווען מענער.

דער אָפיציר האָט זיך צעשרינגן: „נישט שטיין בלייבן ווייטער אַריינגיין.“ און ווען די פרויען האָבן דאָסמאָל זיין באַפעל נישט אויסגעפירט האָט ער אַ פייף געטון. ס׳זיינען אַרויס פון ערגעץ ס.ס.־לייט מיט קניפּלעך אין די הענט און גענומען שלאָגן די נאַקעטע פרויען. אַראָפּגעיאָגט זיי אין באָד אַריין.

באַלד איז דאָס באָד געווען פול. אַזוי אָנגעפּאַקט, אַז ס׳איז מער נישט געווען קיין רייד נישט נור פון וואַשן נור אפילו פון אומדרייען זיך. און די אויבערשטע האָבן נאָך געשטויסן, געשטופּט און געמאָרדעט.

ס׳איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן פאַר אַלע, אַז דאָ איז די ענדע. ווייטער גייט עס שוין נישט. ס׳איז אַנשטאַנען אַ ווילד געשריי צווישן די אינווייניקסטע און אויסווייניקסטע. צוויי טויזנט מענטשן האָבן געשריגן אין דער נאַכט אַריין, ווילד ספּאַזמירט און זיך געריסן פון טייוולס הענט אין געשטאַלט פון ס.ס.־לייט.

דאָס באָד איז געווען שוין איבערפולט. ס׳האָבן שוין מער נישט געקענט אַריין. אינדרויסן זיינען נאָך געשטאַנען ביז הונדערט מענטשן און נישט געהאַט שוין קיין אָרט. איין ס.ס.־מאַן האָט אַרויף געטון. ס׳זיינען אָנגעלאָפן די אַרבעטער פון קרעמאַטאָריום, גענומען די מענטשן כאַפּן ביי די הענט און ביי די פיס און געוואָרפן זיי ווי שטיקער סחורה, איבער די קעפּ פון די אַנדערע.

אַלע זיינען געווען אינווייניק און די טירן האָבן זיך פאַרקלאַפּט. די וואָס זיינען געלעגן איבער די קעפּ פון די אַנדערע זיינען געוואָרפן געוואָרן, געשטויסן, אַלעס צוזאַמען האָט זיך געדריקט, געקנייפּט, געביסן, געשריגן און זיך געפייניקט מיט אַן אוממענטשלעכע פּיין.

ס׳איז געקומען די דערלייזונג. פון אויבן האָט אַ האַנט אַ קליין פענצטערל געעפנט, אַריינגעוואָרפן צוויי שאַכטלען גרינעם פּולווער און ווידער דאָס פענצטער פאַרקלאַפּט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ קרעמפּן. איין לייב האָט זיך איינגעביסן אין צווייטן, און ס׳איז געקומען די אַגאָניע. אַ שטיקענדע גסיסה — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַן ס.ס.־מאַן האָט דאָס אויער צו דער טיר צוגעלייגט, געהערט צו מען

כאָרכלט נאָך און געגעבן דעם באַפעל : „די טירן עפענען.“ פון דער אַנדערער זייט זיינען די טירן געווען מיט דער ערד גלייך. צוויי שטאַרקע אַרבעטער האָבן מיט אייזערנע שטאַנגען די טירן־ריגלען אויף געריסן און אַ באַרג טויט־מענטשן־מיסט איז אויפ׳ן הויף אַרויסגעפאַלן.

שוואַרצע קערפּער, גרינע קערפּער, מיט אַרויסגעשטעקטע צונגען איינגעביסענע העלזער מיט צואה פון דער לעצטער טויט־שרעק באַשמירטע האָבן גלעזערנע אויגן געשטעלט אַ שטומע פראַגע : „וואָכ האָט איר מיט אונז געמאַכט ? און פאַרוואָס ?“ ס׳זיינען צוגעפאָרן אייזערנע וועגעלעך. די „זאָנדער־קאָמענדע“ האָט גענומען די טויטע אַרויסגעוואָרפן זיי אויף די וועגעלעך, אָנגעוואָרפן פול, פול, אַ פולן וואָגן און אַוועק מיט זיי. באַלד איז געקומען אַ צווייטער וואָגן, אַ דריטער... און בעלאָדן כסדר פּרעס־מאַטעריאַל פאַר דעם קרעמאָ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מאַשע איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף אַן אַנדערן וואָגן און איר איינציקע מרים אויף אַן אַנדערן. זיי האָבן צומאָל נישט באַקומען דעם זעלבן אויוון. אין באַזונדערע אָפּטיילן זיינען זיי פאַרברענט געוואָרן. בלויז דאָס אַש איז נאָך דערנאָך צוזאַמען צו דער ווייסל אַוועק.

דער שוואַרצער יינגל איז נאָך צומאָרגנס געלעגן אין לאַגער מיטן פּנים האַלב אין דער ערד אַריין. פון צייט צו צייט האָט ער דעם קאָפּ אויפגעהויבן צו יענער זייט פון וואַנען אַ רויך מיט אַ פלאַם־פייער האָט געשלאָגן, און האָט זיך נאָך נישט געוואָלט צוגלייבן, אַז דאָרט איז באמת אומגעקומען זיין מאַמע, זיין איינ־איינציקע מאַמע אויף דער וועלט, און זיין קליינע אַמשטאַרקסטן געליבטע שוועסטער, זיין קליינע מרים. ער איז געלעגן אויף דער ערד און געקלאָגט אין דער שוואַרצער ערד אַריין. „מאַמע.. מרים.. וואו זענט איר..? מאַמע.. מרים.. לעבט איר נאָך..? וואָס האָבן זיי די פאַרברעכער מיט אייך דאָרט געמאַכט..? מאַמע.. מרים.. וואו זענט איר..?

• • •

געשריבן גלייך נאָך דער באַפרייאונג נאָך אין בוכענוואַלד, דעם 12 אַפּריל, צום אָנדענקען פון מיין הייס געליבטע מאַמע, מיין זיסינקע קליינע שוועסטער מרים און אַלע יידישע אומגעקומענע קדושים צום אייביקן אָנדענק.



## א בריוו פון אברהם פנחס ציקערט *

ליבער פריינט שטענצל,

דו וועסט דיך זיכער וואונדערן, פונוואַנען איך האָב בכלל געוואוסט דורך וועלכן וועג דיך אויפזוכן. עס איז מיין הייליקער חוב שוין פון ערשטן טאָג אָן זינט דער באַפרייאונג פון דייטשן קאָנצ.־לאַגער, דיר אַ געוויסע מיטטיילונג צו געבן, אַ צוואה פון דיין נאָנטן פריינט וו. וויעוויורקע פון פריינקרייך. דעם בריוו וואָס דו לעזט איצט, איז געשריבן דורך איינעם פון דער יידישער־יוגנט פון פוילן, איינער פון דעם שארית־הפליטה, וואָס געפינט זיך היינט אין דער שווייץ.

איך האָב באַקענט וו. וויעוויורקע אין אוישוויץ אין יאָר 1944, אין דער צייט ווען דאָס לאָדזשער יידנטום איז געוואָרן פון געטאָ אויסגעזידלט אין די קאָנצ.־לאַגערן אַריין. איך בין דעמאָלט געקומען פון לאָדזש, וואו איך האָב איבערגעלאָזט מיינע שריפטן וואָס כ׳האָב אין „געטאָ“ אַזוי אייפעריק געזאַמלט. וו. וויעוויורקע האָט צו יענער צייט געאַרבעט אין דער אַזוי גערופענער „קאַנאַדע“, דאָס איז געווען אַן אָפּטיילונג וואָס האָט די מענטשן אַרויסגענומען פון די וואַגאָנען בעת זייער אָנקומען קיין אוישוויץ, און זייער הויפּט אויפגאַבע איז געווען, די אַלע פּעקלעך וואָס די מענטשן האָבן איבערגעלאָזט (צו וועלכן זיי זיינען געוואָרן פריער אויפגעצוואונגען), האָט די „קאַנאַדע“ אַרויפגעוואָרפן אויף לאַסט־אויטאָס און דערנאָך איז עס ווי געוויינטלעך אַוועק אין דער דייטשער קאַמער, וואו יידישע אַרבעט איז געוואָרן דייטשעס-אייגנטום.

ליבער פריינט, מיין נישט, אַז וו. וויעוויורקע איז געוועזן ביי זיין אַרבעט פון גוטן ווילן, ניין. ער האָט קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, זיין גורל איז געפאַלן ער זאָל זיין צו דער „קאָמאַנדע“ צוגעטיילט און ער האָט געמוזט זיין אַרבעט אויספירן.

צו יענער צייט איז זיין קאָמאַנדע אַריבער געקומען פון איין לאַגער אין צווייטן אַריין, גראָד דאָרט וואו איך בין געווען. איך וועל נישט פאַרלייקענען — און עס איז קיין חרפה, צו פאַרלייקענען — מיר יונגע וועלכע האָבן נאָך געהאַט אביסל כח זיך צו שטויסן פלעגן טאָג־טעגלעך וואַרטן פאַר

* דער בריוו פון אברהם צוקערט,וואָס ווערט אָפּגעדרוקט דאָ איז נישט נאָר בכדי דער לייענער זאָל וויסן ווערדער שרייבער פון דער רעפּאָרטאַזש־דערציילונג „מאַמע“ איז און פונם ליד „דו“, נאָר עס שיינט אונז, אַז אַזאַ בריוו טאָר נישט בלויז בלייבן, ווי אַ פּריוואַט סוד פאַר דעם, וואָס האָט אים באַקומען — וואָס די געהייליקטקייטפון זיין פריינט איז איבער זיינע מענטשלעכע השגות ! — נאָר ער מוזבלייבן אַ הייליקער דאָקומענט פון איינעם פון אונזערע יונג־פאַרשטאָרבענע שרייבער, וו. וויעוויאָרקע. „נשמתו צרורה בצרור החיים“.

דעם „בלאַק“ וואו די קאַנאַדער האָבן געוואוינט, און יעדער איינער האָט זיך שוין געפונען, ווען עס איז נור געווען, אַבי נור עפּעס צו באַקומען. איך האָב קיין מזל נישט געהאַט. אַפּאָר טעג צייט בין איך געשטאַנען ממש גאָרנישט. איך האָב שוין געהאַט אַ שטיקל יאוש צו דעם גרויסן גליק, וואָס אַנדערע האָט געטראָפן, נור דאָך האָט דאָס הונגעריקע געוויסן נישט געלאָזט די זאַך אינגאַנצן אויפגעבן, איך בין ווייטער געווען איינער פון די וואַרטנדיקע אויף דעם שריים פון דער רייכער „קאַנאַדע“.

איינמאָל בעת מיין וואַרטן האָב איך באַמערקט ווי איינער פון די „קאַנאַדע“ פוצט זיך אַליין די שיך איך בין צו צו אים און אים פאָרגעשלאָגן, זיי אָפּצופוצן פאַר וואָס עס זאָל נישט זיין. דער קליינער מאַן מיט דעם שיך־בערשטל אין דער האַנט האָט אויף מיר אַ קוק געטון, און מיט אַ שטימע צו וועלכע — איך בין אין לאַגער — נישט געוואוינט געווען האָט ער מיך געפרעגט: דו בחור, דו ביסט אַ לאָדזשער, איך האָב אים דערויף ערקלערט, אַז יאָ. „און קענסט דאָרט אַ געוויסן יידישן מוזיקער דוד בייגעלמאַן?“ — איך בין געבליבן ווי פאַרגליווערט, אָט האָב איך דעם וועג צו דער קאַנאַדער. אויב איך קען אים? ס'איז גוט, ערשט איין טאָג פאַר מיין אַרויסגעשיקט ווערן פון געטאָ בין איך ביי אים געווען. ער איז איינער פון די גרעסטע מוזיקער היינט אין געטאָ. וו. וויעוויורקע האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַביסל אַ נישט גאַנץ גלויבנדער מינע. איך געדענק ווי עס וואָלט ערשט איצט געווען, ער האָט פאַרנייגט דעם קאָפּ אַביסל אויף אַ זייט און שטאַמלדיק געפרעגט: פונוואַנען קענסטו אים? — ער האָט שוין געשריבן אַ סך מאָל מוזיק צו מיינע טעקסטן.

פון וואָרט צו וואָרט, האָבן מיר זיך ביידע באַקענט. ער איז געוואָרן צו מיר גאַנץ אַנדערש געשטימט און האָט מיך אפילו אַריינגענומען צו זיך. איך פאַרדאַנק אים באמת מיין היינטיקן לעבן. ביי יעדער נייער „סעלעקציע“ בין איך געווען פון די נבחרים צום טויש און יעדעס מאָל האָט וו. וויעוויורקע פאַר מיר באַצאָלט מיט דאָלאַרן.

אַזוי אַרום האָבן מיר מיט דערצייט זיך איינגעלעבט אַזוי פעסט, אַז ער איז פאַר מיר געוואָרן איינער פון מיין אייגענעם איך. איך האָב ביי אים אַלעס געהאַט און פון אַלעס געוואוסט. מיר האָבן אַ פּאָר מאָל גערעדט וועגן דיר, ליבער פריינט. ער האָט דערציילט וועגן דיר עפּיזאָדן, פון דיין יוגנט. אַז דו ביסט געווען — גלייך ווי איך פאַר דער מלחמה — אַ ישיבה־בחור, און דערנאָך ווי איר זענט אייך געוואָרן צוויי נאָענטע פריינט. ער האָט מיר דערציילט וועגן דיין שאַפן דאָס בוך, אונטער דעם נאָמען „דאָס קיילעכדיקע יאָר“ און נאָך פאַרשידנס.

איינמאָל ווען מיר האָבן שפּאַצירט אין לאַגער (גראָד אַביסל פרייע צייט געווען) האָט מיר וועלוול אויסנווייניק פאָרגעטראָגן דיינס אַ יוגנט געדיכט. ער האָט עס פאָרגעלעזן:



און אַז איך וועל איר זען, דאָס וועל איך איר זאָגן
זון, זון, די גאַנצע וועלט בלויז זון
וויפל טראָפּן בלוט אין מיר... א.א. וו.

איך האָב דאָס געדיכט ביז היינט נאָך נישט געלעזן, נור דאָך איז עס מיר געבליבן אין זכרון. ווען ער האָט דאָס געדיכט געהאַט געענדיקט, האָט ער זיך צו מיר געווענדעט מיט אַ בקשה: „זאָג אברהם'לע (אַזוי פלעגט ער מיך רופן) אַז איך וועל דיך הייסן עפּעס טון פאַר מיר וועסטו טון? איך האָב אים אָנגעקוקט דערשטוינט, עפּעס איז ער געווען אַנדערש ווי שטענדיק. איך האָב אָבער געמאַכט ווי איך פיל די גאַנצע זאַך נישט און תמ'עוואַטע געענטפערט, יאָ. ער האָט מיר אָבער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ס'וועט נאָך לאַנג געדויערן ביז איך וועל די זאַך האָבן צו ערפילן. איך האָב אים צוגעזאָגט. ער האָט מיך דערמאָנט נאָך אַמאָל דאָס געדיכט נור מיט אַנדערע ווערטער. זיין בקשה איז געווען איך זאָל דיר צוווייסן טון, אין פאַל ווען ער אַליין וועט נישט אַרויסקומען פון לאַגער, אַז ער איז נאָך — דאָרט וואו דער רויש פונם טויט'ם פליגל האָבן געבויערט אין די אויערן — געווען צו דיר געבונדן מיט פריינשאַפט. איך אַליין ווייס נישט וואָס ער האָט דערמיט געמיינט, נור כ'גלויב אַז פאַר דיר וועט עס זיכער זיין קלאָרער. נאָך דער באַפרייאונג גלייך האָב איך מיך דערוואוסט, אַז וו. וויעוויורקע איז אין דער צווישן־צייט אומגעקומען. עס האָט מיר דערציילט דער יידישער שריפט־שטעלער מרדכי שפּרינגלער, (ער איז היינט איינער פון די מיטאַרבעטער פון „אונזער וואָרט“ אין פראַנקרייך.)

איך האָב געזוכט דיין נאָמען און ער איז מיר דאָך געבליבן נישט מעגלעך אויסצוגעפינען ביז מיט אַפּאָר טעג צוריק, ווען איך בין געווען אויף אורלויב אין גענף. דאָרט האָב איך באַקענט אַ געוויסן ד"ר זילבערשטיין, ער איז חבר פון דער באַוועגונג וואָס איך. ער האָט מיר געגעבן דיינס אַ בוך צו לעזן אונטער דעם נאָמען „יידיש“. איך וויל נישט איצט דעריבער אָנהייבן צו זאָגן שבחות אָדער קריטיק, איינס נור איך האָב שוין צומינדנסטנס געוואוסט אַז דו ביסט אין לאָנדאָן. יעצט שרייב איך דיר דאָס אַלעס, ערשטנס, מקיים צו זיין מיין הבטחה, וואָס איך האָב געגעבן וו. וויעוויורקע ז"ל. און צווייטנס, וויל איך ווערן מיט דער צייט דאָס אייניקל אין דער יידישער ליטעראַטור...

---

## אַלגאַ סומך פיליפּס

## אין ד'זראַעלים שאַטן

א בילד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין צפון־לאָנדאָן

מזרח־לאָנדאָן און צפון־לאָנדאָן זענען נישט ווייט איינס פונם אַנדערן. דער באַפעלקערונגע־צופלוס פון מזרח קיין צפון איז אין די לעצטע יאָרן געווען אַ באַדייטנדער. אָבער שוין אינם אַכצנטן יאָרהונדערט געפינען מיר

יידישע איינוואוינער אין די געגענטן פון סטאָק־ניואינגטאָן און העקני. איזלינגטאָן און עדמאָנטאָן האָבן אויך געהאַט קליינע גרופּן יידן.

זכרונות בנוגע דער ד׳זראַעלי פאַמיליע עקזיסטירן נאָך אַלץ אין סטאָק־יואינגטאָן. אַ געוויסע פּערזאָן, פאַראינטערעסירט אין היסטאָרישע דאַטעס און פאַקטן, וועמענס משפחה שטאָלצירן מיט זייער פּאָזיציע אין דער סביבה, פלעגט זער גערן זיך באַטייליקן מיט אַרטיקלען איבער ד׳זראַעלי׳ס זכרונות.

אין דעם טייל סטאָק ניואינגטאָן, וואָס גרעניצט זיך מיט שטאַמפאָרד היל, איז געשטאָרבן בנימין ד׳זראַעלי, דעם לאָרד ביקאָנספילדס זיידע. הגם ער האָט דאָרטן געוואוינט נישט מער ווי איין יאָר, איז די דערינערונג וועגן אים אין סטאָק ניואינגטאָן דאָך נאָך אַלץ פריש.

ראָבינסאָנס געשיכטע פון סטאָק ניואינגטאָן דערציילט אונז, אַז אַ קאָנטראַקט אויף איין און צוואָנציק יאָר פון דעם 21־סטן יוני 1815 איז געמאַכט געוואָרן צווישן בנימין דיזראַעלי און דער פירמע אידי, צו דינגען דאָס הויז נומער 7 אין טשוירטש ראָו, שפּעטער באַקאַנט ווי 170 טשוירטש סטריט, וואו עס שטייט היינט צו טאָג, די עפנטלעכע ביבליאָטעק. עס איז אויך באַקאַנט, אַז לאָרד ביקאָנספילדס זיידע, וועלכער האָט אויך געהייסן בנימין דיסראַעלי איז געשטאָרבן דעם 28־טן נאָוועמבער, 1816 אין זיין זיבן און אַכציקסטן יאָר אין סטאָק ניואינגטאָן. אַ פּרעזעס פון אָט דער דאָזיקער ביבליאָטעק, וועלכער האָט געוואוינט אויף 170 טשוירטש סטריט, האָט געשריבן אייניקע אינטערעסאַנטע פאַקטן בנוגע דעם באַרימטן ענגלישן פאַרלעגער דזשאָן מאַרי, ווי גנבים זענען אים באַפאַלן בשעת ער איז געגאַנגען איבער די פעלדער פון סטאָק ניואינגטאָן.

אָט דער באַרימטער גרינדער פון דעם מאַרי־פאַרלאַג פלעגט אָפט איינגעלאַדן ווערן צו די דיזראַעלים — יצחק דיזראַעלי, דעם אַלטן בנימין׳ס זון און פאָטער פון בנימין דיזראַעלי. דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן אייניקע פון ביקאָנספילדס באַרימטע ווערק.

„קוריאָזיטעטן פון דער ליטעראַטור" איז דאָס באַקאַנטעסטע היינט צו טאָג. איין פּאַראַגראַף דערין טראָגט דאָס קעפּל „אָן אָרט וואו מען האָט זיך משמח געווען" און גיט אונז אָן אינטים בילד פון דער דיזראַעלי פאַמיליע. דער פאַרשטאָרבענער ד״ר האָל פון טאָטנהעם האָט מיר מיט פיל יאָרן צוריק דערציילט ווי גוט ער געדענקט לאָרד ביקאָנספילדס באַזוכן ביי זיין זיידן.

ד״ר האָל האָט געהאַט אַ קרוב דזשאָן פראַנציס ריוואַז, וועלכער האָט געוואוינט אין טשוירטש סטריט און געהאַט אַ זעלטענעם זייגער, און ווי איך האָב געהערט פלעגט דער קליינער בנימין תמיד אָפּשטאַטן אַ וויזיט ביי מר. ריוואַז אין הויז, כדי אויסצופּרובירן דעם זייגערס געווערק און קלינגען ווען ער פלעגט קומען באַזוכן דעם זיידן.

די דיזראַעלים פאַרבינדונג מיט צפון־לאָנדאָן גרייכט איבער סטאָק ניואינגטאָן מחמת יצחק איז געבוירן געוואָרן אין ענפילד, מידלסעקס, אין יאָר 1766. די דאָזיקע געגענט האָט קיינמאָל נישט אָנגענומען קיין יידישן כאַראַק־



טער. נאָכפאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז יצחק האָט געוואוינט אין אַ הויז, וואָס דער געניאַלער ענגלישער אַרכיטעקט רען האָט געבויט און געשטאַנען איז עס וואו דער וואָקזאַל פון דער ל.נ.א.ר. באַן־געזעלשאַפט געפינט זיך איצט און געלערנט אין אַ שולע ביי אַ מר. פּיאָסער אין פּאָנדערס ענד.

ביקאָנספילדס אָפיציעלע ביאָגראַפיע דערציילט אונז, אַז בנימין דער יונגער האָט באַזוכט אַ שולע אין איזלינגטאָן, וואָס איז מן הסתם דער אורשפרונג פון דער לעגענדע, אַז די דיזראַעלים האָבן געוואוינט אין 21 אַפּער סטריט, טריניטי סקווער, איזלינגטאָן.

בנימין, שפּעטער באַקאַנט אַלס לאָרד ביקאָנספילד, איז געטויפט געוואָרן אין יאָר 1817. דאָס איז געשען נאָך זיין פאָטערס באַרימטע מחלוקה מיט דער בעווים מאַרקס סינאַגאָגע, ווען ער האָט נישט געוואָלט אָננעמען די שטעלע, וואָס דער מאַהאַמאַד פון דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער קהילה האָט אים אָנגעבאָטן.

אַ סך ספרדישע משפחות האָבן אין 18־טן יאָרהונדערט געוואוינט אין צפון לאָנדאָן. די ערשטע שול אין דער געגנט אונטערן נאָמען ספּענפער האַאוז, עסעקס ראָוד, איזלינגטאָן, איז געגרינדעט געוואָרן פון סאָלאָמאָן דאַ קאָסטאַ פּאַרק נאָך אין 1886 יאָר. דער נאָמען פון די דיזראַעלים האָט פאַרטונקלט דעם זכר פון אַנדערע שפּאַניש־יידישע פאַמיליעס.

נאָר די וואָס זענען באַהאַווונט מיט ענגליש־יידישער געשיכטע, ווייסן ווי אָפּצושאַצן דעם פאַקט, אַז סאָלאָמאָן דע מעדינאַ האָט געוואוינט אין טשוריטש ראָו, סטאָק ניואינגטאָן. דער סאָלאָמאָן האָט געשטאַמט פון דעם אַרדראַרע אַרום 1866 און אַ פּאָרטוגעזישע שול האָט זיך געפונען אין מיילדמעי סאָלאָמאָן דע מעדינאַ, וואָס איז געווען דער ערשטער יידישער ריטער אין ענגלאַנד מיטן טיטול סיר.

דער סאָלאָמאָן דע מעדינאַ פון טשוירטש ראָו איז געווען אַ פּאָליצאַנט אַ זעלטענע באַשעפטיגונג פאַר אַ ייד פון 18טן יאָרהונדערט. ער איז אויך געווען „גבאי" אין אַ קירך, וואָס איז געווען אַן אמט וועלכן יידן פלעגן דעמאָלט גערן אויסקלייבן פאַר זיך, ווי אויך אַ משגיח איבער אָרימעלייט. נאָר באַגראָבן האָט מען אים איופן צעמענטאַזש אין סאַאוטהאַמפּטאָן.

אין יענער צייט האָט זיך דאָרטן געפונען אַ באַרימטע שענק, „דער האָן און די האַרפּע", וואו אונזער פּאָליציאַנט פלעגט זיך טרעפן מיט אַ געוויסן מר. ריוואַז, כדי צו דיסקוטירן די סיטואַציע אין פראַנקרייך; קליינע געריכטס־פאַרהאַנדלונגען און טורנאַמענטן פלעגן אויך פאָרקומען אין אָט דער שענק.

די דע מעדינאַס זענען געווען קרובים פון די דיזראַעלים.

גרעים אַגילאַר, די ענגליש־יידישע אויטאָרין, וועמען מיר האָבן באַשריבן אין אַ פריערדיקן אַרטיקל, האָט זיך באַצייכנט ווי גרעים אַגילאַר פון העקני, ענגלאַנד. ביז נישט לאַנג צוריק איז אויף העקנים פּאָסט־סטעמפּל געשטאַנען געשריבן נאָרד אָסט, בעת ביים היינטיקן טאָג שטייט בלויז אָסט. די געגנט

איז געווען געדיכט באַפעלקערט מיט רייכע יידן און גרעים אַגילאַרס געבוירן אָרט איז געווען ביים עק פון קלאַפּטאָן פּאַסאַדזש, אַנטקעגנאיבער וועל סטריט.

יעדן איינעם, וואָס גייט פאַרביי גאָלברוק ראָו, איזלינגטאָן, קען קומען אויפן זכרון דער באַראָן ד'אַגילאַר, וועלכער האָט אייגנטליך געוואוינט אין קעמדען סטריט. הגם ער האָט געשטאַמט פונם זעלביקן נאָבעלען יחוס וואָס די אויטאָרין, איז ער דאָך געווען אַן אויסנאַם צווישן יידן וואויל־געבוירענע, אָן אכזר פון ערגסטן סאָרט. מען האָט אים גערופן באַראָן ד'אַגילאַר פון אונגערס־נויט פאַרמע, מחמת זיין אומרהמנותדיק באַהאַנדלען די בהמות. זיין אוממענטשלעכקייט, זאָגט מען, איז געווען אַ פועל יוצא פון אַן אומגליקלעך פאַמיליע־לעבן. אין דער „דזשואיש ענסייקלאָפּידיאַ" ווערט ער אָפּגעשפּאָט אַלס דער ערגסטער אויסוואורף ביי יידן.

מיר לייענען וועגן אַ גראַנדיעזן מאַסאָנישן פאַל אין איזלינגטאָן אין יאָר 1808. אויף דעם באַל האָט זיך אויך באַטייליקט די יידישע לאָזשע און מען האָט זיי מכבד געווען אויף זייער אייגענעם שטייגער אין דער „פּייד בול" שענק — אַ היסטאָרישע געביידע פון יענעם פּעריאָד.

אַן אַנדער געלעגנהייט, ווען יידן האָבן זיך עפנטלעך באַטייליקט אין אַן אָפיציעלער פאַראַנשטאַלטונג, איז געווען, ווען דריי הונדערט יינגלעך האָבן מאַרשירט אין אַ פאַראַד פּראָצעסיע אין איזלינגטאָן לכבוד געאָרג דעם דריטנס געבוירנטאָג, דעם 4־טן יוני 1818.

אויך אין די טעג פון דער קעניגין וויקטאָריאַ זענען הייבורי, באַרנסבורי און קאַנאָבורי געווען געדיכט באַפעלקערט מיט יוסטע יידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אריבערגעצויגן קיין מעידאַ וועיל און אַנדערע געגנטן. זיי זענען געווען פיינע לייט, גאָטס פאָרכטיקע בענטשן, און האָבן געגרינדעט אַ גאַנצע ריי שולן. די וויכטיקסטע איז געווען די „ניו סינאַגאָג", וועלכע מען האָט שפּעטער אריבערגעפירט פון געיט סט. העלענס קיין עגערטאָן ראָד, סטאַמפאָרד היל. עס זענען אויך געווען אַנדערע, איישליסנדיק די „דאָלסטאָן סינאַגאָג" אין פּאָעטס האָוד, הייבורי.

צפון לאָנדאָן איז אויך געווען אַ רבנישער צענטער באַרימט מיט זיין אָפּגעהיטנקייט.

נאָך אַנדערע יידן עשירים האָבן דאָ געוואוינט אין דער וויקטאָריאַנישער צייט. נתנאל מאיר ראָטשילד האָט געהאַט אַ הויז אין סטאַמפאָרד היל. אין די מעמואַרן פון לואיזאַ, ליידי קאָהען, געשריבן פון איר טאָכטער חנה, האָבן מיר אַ בילדלעכע באַשרייבונג פון דעם יידישן פאַמיליען לעבן אין קאַנאָנבורי. שפּעטער פלעגט מען רופן הייבורי ניו פּאַרק מיטן נאָמען הייבורי דזשו פּאַרק.

היינט צו טאָג עקזיסטירט שוין דאָרטן נישט דער געזעלשאַפטלעכער גלאַנץ, אָבער דער רבנישער צענטער איז פאַרבליבן. דאָס בית-המדרש בליט און נאָרד לאָנדאָן האָט געהאַט אַזעלכע אָנגעזעענע רבנים ווי די שיינפעלדס. הרב אביגדור שיינפעלד איז געווען דער ערשטער רב פון דער עדת ישראל,



וואָס האָט זיך געגרינדעט מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק פון אַ גרופּע קנאים פאַר יהדות און יידישער דערציאונג.

נאָר עס איז געווען אַ פאַרגעניגן זיך צו טרעפן מיט אַ פּערזאָן, וואָס איז דאָרטן אויפגעוואַקסן, ווענענס באַהאַונטקייט מיט יידישער אָרטאָדאָקסיע האָט נישט פאַרטונקלט דאָס ליכט פון דער דיזראַעלישער טראַדיציע.

## נחום שטענצל

# אינסטינקט און היימישקייט

ס'איז אַ דבר הידוע לכל, אַז וואָס פּשוטער אַ זאַך, אַלץ שוואַכער איז צו געפינען פאַר איר די ריכטיקע דעפיניציע: ד.ה. אַז וואָס איינפאַכער די זאַך איז, אַלץ שווערער איז עס צו פאַרטייטשן. גיי פאַרטייטש עפּעס אַ זאַך וואָס אַ יעדער פאַרשטייט. למשל, אַ טיש — זאָל עמיציער פּרואוון עס דעפינירן וועט ער זיך אָנשטויסן אויף שוועריקייטן... ווייל אַ טיש איז אַ טיש. אָדער, למשל, אייזן: פון 10 מענטשן וואָס מ'וועט זיי פרעגן וואָס עס איז אַזוינס אייזן, וועלן אייך 9 — אָדער אפשר גאָר גאַנצע 10 — אינסטינקטיוו ווייזן אַ פויסט... אָט דאָס איז אייזן. ווייל די זאַך איז אַזוי פּשוט. נישט נאָר מ'פאַרשטייט זי באַלד נאָר מ'דערפילט זי. און פילן איז קאָנצענטרירט דענקען, מיט וועלכן מען איז תופס כהרף עין. דאָס איז אינסטינקט, אינסטינקט איז דאָס וואָס מען דערפילט בליץ־שנעל מיט אַלע רמ"ח אברים און שס"ע גידים. דאָס איז מער ווי פאַרשטיין מיט בלויזן שכל, וועלכער איז גאַנץ אָפט אַ „קריכער"... דער בעסטער ביישפּיל איז בשעת אַ סכנה; דעמלט אַרבעט דער מענטש ווי אַ חיה, ער אַרבעט מיט אינסטינקט, ד.ה. אַז דעמאָלט דענקט דער מענטש נישט בלויז מיט שכל'דיקן געדאַנק — וואָס איז אַ לאַנזאַמער פּראָצעס אפילו ביי דעם וואָס פאַרמאָגט אַ היבשע פּאָרציע דערפון — נאָר מיט אַלע חושים זיינע. אינסטינקט אַרבעט אויך בעת אַ מענטש ליבט. דעמלט אויך, ווערט געדאַנק און געפיל איינס. קאָפּ און האַרץ אַרבעטן ריטמיש, אין טאַקט; ווייל דער מענטש איז אויך דעמלט ווי אַ חיה — וואָס ווייס געענוי וואָס זי וויל... אַ קאָפּ קען נאָר פונקציאָנירן בעת דער מענטש איז וואַך און ניכטערן; ס'האַרץ אָבער פונקציאָנירט אויך בעת מ'איז שיכור אָדער אין שלאָף. דאָס איז דער טייטש פון „אני ישנה ולבי ער", וואו שלמה המלך רעדט וועגן ליבע.

און דאָ קום איך צום ענין פון דעם וואָס מיר רופן היימישקייט. אַ נו, גיי דעפינירט היימישקייט! ס'איז היימיש — ווער ווייס דאָס נישט וואָס עס איז היימיש? איך האָב דעם אמת'ן זין פון דעם וואָרט תופס געווען ביי אַ שמחה פון אַ אַן אייגענעם, פון אַ היימישן מענטש. פאַר עטלעכע וואָכן צוריק דאָ אין לאָנדאָן. ביי אַ היימישן טיש, פון לויטער היימישע האָט מ'זיך משמח

געווען אויף אַן עכט היימישלעכן אופן. דאָרט האָט זיך צופעליק אויך געפונען אַ מערב־אייראָפּעאיש־יידישע אָרנטלעכע פרוי, זי איז טאַקע דערפאַר אויסגעזיצן די גאַנצע צייט — אַן ערך 2 שעה — ביז די שמחה האָט זיך געקאָנטשעט, הגם די זאַך האָט זי גענודיעט. די חסידישע זמירות, די פאַרשידענע העוויות און „גרילצנדיקער" יידיש איז איר פּשוט געגאַנגען אויף די נערוון. אָבער, זייענדיק פון אַ גוט הויז, מיט מאַניערן, און אַן אָרנטלעכע, איז זי געזיצן — אָבער ווי געזיצן: שטייף ווי אַ שטעקן, אינמיטן דעם ים פון שמחה ווי אַן אינזל, גייסטיק און פּסיכיש איזאָלירט. פאַרוואָס? ווייל ס'איז איר אַלץ געווען פרעמד און דערווידער; די זמירות — פון ווילדע אַזיאַטן; די שפּראַך — אַ גרילצנדיקע; די העוויות — משונהדיקע, הגם אַלע אַנדערע „אָסט־יודען" האָבן זיך גוט אַמוזירט און געפילט אַ התרוממות הנפש. דאָס איז דער באַדייט פון היימישקייט. דיזעלבע אַטמאָספערע איז פאַר איינעם היימיש, זיין עלעמענט, ווי אַ פיש אין וואַסער, און פאַר אַן אַנדערן, אַ פרעמדקייט ווי אין מדבר.

אַ היימישע אַטמאָספערע דערשמעקט דער חיה־מענטש מיטן חוש הריח; דער אינסטינקט, ד.ה. אַלע זיינע חושים, זאָגן אים באַלד: דאָס איז דיינס, אָדער נישט. נישט נייטיק דעמלט דער קריכנדיקער קאָפּ־שכל.

און אפשר דאָ ליגט דער סוד פון דער שנאה פון די אומות העולם צו די יידן. די יידן האָבן דורך אַלע דורות פּרעזערווירט אַזאַ מין אייגנאַרטיקן יידישליכן ריח, אַזעלכע אויסגעפּרעגטע יידישלעכע צוגן, וואָס זענען איינגראַווירט אין זייער הויט, אין זייערע אויגן, אין זייער בלוט אין זייער קול, אין אַלעם, אַז ווער עס דערנענטערט זיך נאָר צו אונז דערשמעקט באַלד דאָס פרעמדע וואָס איז אַזוי אַנדערש. אָט דאָס אייגנאַרטיק־יידישע האָט קיינער נישט אַזוי געירשנט און פּרעזערווירט ווי דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד. אַ מזרח־ייד האָט געאָטעמט 100 פּערצענטיקע יידישלעכע אַטמאָספערע, וואָס אפילו ביז צום 10־טן דור קען מען עס נישט אַסימילירן. עפּעס וועט זיך אים פּלאָנטערן און פאַרפּלאָנטערן אין דער צונג, אינם קול, אין זיין בליק.

דאָס איז דער טייטש פון היימישקייט: ווען דו דערזעסט אַמאָל אַ „פרעמדן" מענטש, וואָס דו האָסט אים קיינמאָל פריער אין דיין לעבן נישט געזען, ווייסט דו פאָרט מיט אים באַלד זיין אינדערהיים; אַ שטייגער דו וואָלסט אים געקענט דיין גאַנץ לעבן — ער איז מסתמא פונדערהיים, און אייגענער, די לופט אַרום דיר ווערט באַלד היימיש ווען דו טרעפסט אַ היימישן, וואו עס זאָל נישט זיין; און דו קענסט אויך אָפּלעבן אַ גאַנץ לעבן מיט אַ פרעמדן מענטשן און ער זאָל דיר נישט ווערן היימיש, און איר וועט אייך קיינמאָל נישט קענען פאַרשטיין — ווייל איר ווילט אייך נישט פאַרשטיין, און איר קענט עס נישט, ווייל איר ווילט עס נישט... ס'איז דעמלט נישט פאַראַן דאָס לשון וואָס זאָל אייך מאַכן פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן; ווייל מ'קען זיך נאָר פאַרשטיין ווען עס זענען „דברים היוצאים מן הלב" — לשון וואָס האָט אין זיך לעבן.



## ש. י. דאָרפזאָן

# אין די דייטשישע קאָנצענטראַציע לאַגערן

לויט דער סטאַטיסטיק, געפינען זיך אין די דייטשישע קעמפּס לערך 100,000 אויסגעוואָרצלטע יידן, פאַרטיילט אין די אַמעריקאַנישע, בריטישע און פראַנצויזישע אָקופּאַציע־ זאָנעס אין דייטשלאַנד. וויפל יידן עס געפינען זיך אין די סאָוויעטישע זאָנעס, איז אומבאַקאַנט. זייער צאָל מוז אָבער זיין אַ גאָר־קליינע, לויט די באַהויפּטונגען פון די אָפיציעלע סאָוויעטישע פאָרשטייער אין בערלין.

אָט דער שארית־הפליטה, האָט אויף די חורבות פון דייטשלאַנד, אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן, באַנייען און אויפלעבן דאָס יידיש געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און רעליגיעזע לעבן פון וועלכן זיי זענען געוואָרן אָבגעריסן זינט יאָרן.

פאַר מיר ליגן אַ ריי יידישע צייטונגען, זשורנאַלן, לידער־זאַמלונגען און אַנדערע אויסגאַבעס, וואָס דערשיינען אין איצטיקן דייטשלאַנד און עס ווילט זיך ממש נישט גלויבן, אויב דאָס אַלץ איז ווירקלעכקייט אָדער אַ חלום...

איך וויל בלויז דערמאָנען איניקע פון די דאָזיקע אויסגאַבעס, ווי למשל, דאָס וואָכנבלאַט „אונזער וועג", וואָס דערשיינט אין מינכען אין אַן אויפלאַגע פון 20 טויזנט עקזעמפּלאַרן און ווערט רעדאַגירט פון דעם באַקאַנטן זשורנאַליסט לוי לעוויטאַן. אגב־דאָס איז די איינציקע יידישע וואָכנצייטונג, וואָס דערשיינט מיט יידישע שריפט, ווייל דווקא אין מינכען, אין דער שטאָט פון דער פאַרשאָלטענער נאַצי־באַוועגונג, האָט מען צופעליק געפונען אַביסל יידישן האַנט־זאַץ, וואָס סטייעט אויסצוזעצן אַ צייטונג פון פיר זייטן. איך בין אָבער זיכער, אַז וואָלטן די ליבע „ליטוואַקעס" פון „אונזער וועג" געהאַט צו זייער רשות אַ יידישן לינאָטיפּ, וואָלט זייער צייטונג (וועמענס יידישע לשון איז אַזוי ריין און קלאָר), דערשינען אין אַכט און אין צען זייטן.

אָט בלעטער איך די לאַנדסבערגער לאַגער־צייטונג", אַ גרויס, וואָגיק און בכבודיקע וואָכנשריפט, וואָס דערשיינט אויך אין יידיש, אָבער מיט לאַטייניש אלף־בית. פאַרוואָס? — וועט איר פרעגן — פּשוט: אין לאַנדסבערג איז נישט בנמצא יידישער זאַץ, שוין אָבגערעדט פון אַ יידישן לינאָטיפּ, דערפאַר דערשיינט די צייטונג מיט „גוי'אישע אותיות, וואָס פּאַסן זיך נישט צום יידישן לשון.

אין פעלדאַפינג, דערשיינט אַ יידיש וואָכנבלאַט דאָס פרייע וואָרט" אונטער דיזעלבע שווערע באַדינגונגען ווי די „לאַנדסבערגער לאַגער צייטונג". אָבער די ליבע קאָלעגן פון פעלדאַפינג, האָבן אויך די אַמביציע אַרויסצוגעבן אַ חודש־זשורנאַל אונטער דעם נאָמען „פעלדאַפינגער מאַגאַזין".

אין שטוטגאַרט דערשיינט אַ חודש־זשורנאַל „אויף דער פריי", וואָס איז באמת אַ יוניקום און פאַרדינט דערפאַר אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

דער דאָזיקער מערקווירדיקער זשורנאַל ווערט געשריבן אות און אות

פון א יידישן בחור, (אפנים א גרויסער עקשן), מיט'ן נאָמען לייבל ריכטמאַן. און שרייבן שרייבט ער די יידישע אותיות מיט דערזעלבער ליבשאפט און קדושה ווי עס האָבן אמאָל געשריבן די הייליקע ספרי-תורות אונזערע פרומע און ערלעכע יידן, די סופרים.

אין בערגען־בעלזען (בריטישע אָקופּאַציע־זאָנע). דערשיינט א חודש־זשורנאַל „אונזער שטימע", אַרויסגעגעבן פון דעם דאָרטיקן יידישן צענטראַל־קאָמיטעט און ווערט רעדאַקטירט פון א קאָלעגיום: רפאל אלעווסקי, פּאול טרעפּמאַן און דוד ראָזענטאַל. דער דאָזיקער זשורנאַל איז פריער דערשינען אין כתב־יד. איצט, אַז דער קאָמיטעט איז געוואָרן באַגליקט מיט א יידישער שרייב־מאַשין, ווערן די זייטלעך פאָטאָגראַפירט. אין אַלגעמיין, איז דאָס א וואָגיקער, א ציכטיקער זשורנאַל, וואָס טראָגט א גרויסע אחריות פאַרן גע־דרוקטן וואָרט.

עס איז ממש אונמעגלעך אויסצורעכענען די נעמען פון אַלע יידישע צייטונגען, זשורנאַלן און אַנדערע אויסגאַבעס וואָס דערשיינען אין די 42 קעמפּס, וואו עס שמאַכטן עד־היום די מכלומרשטע „באַפרייטע"־יידן. איך ווייס, אַז אויך אין איטאַליע און אין די יידישע לאַגערן אין עסטרייך דער־שיינען יידישע צייטונגלעך, העפטלעך און זשורנאַלכלעך, אָבער עס פעלן מיר די נייטיקע פּרטים.

אחרון אחרון חביב: אין מינכען דערשיינט אויך א העברעאיש זשורנאַ־לעכל „ניצוץ" און להבדיל „דער דעגענדאָרפער צענטער־רעוויו" אין דייטשער שפּראַך, ווייל אינם דאָזיקן קעמפּ מוזן, אפּנים, זיין דייטש־רעדנדיקע יידן. אין מאַרבורג, האָט אָנגעהויבן דערשיינען א אילוסטרירטער זשורנאַל „יידישע רונדשוי" אין דייטשער שפּראַך.

ווען מען באַקאַנט זיך מיט דעם אינהאַלט פון די פּאָר ציטירטע צייטונ־גען, וואָס דערשיינען אין די אויבנדערמאָנטע לאַגערן און ווערן געליינט פון יידישע יידן, וועמען דער גורל האָט, על פּי נס, געראַטעוועט פון אומקום ווילט זיך פּשוט נישט גלויבן, אַז די דאָזיקע יידן זענען אַזוי שעפעריש און אַקטיוו אויף אַלע געביטן פונם לעבן, וואָס שפּילט זיך דאָרט אָפּ.

עס איז א לעבן געגליכן צום סמבטיון!

אָט לערנט מען זיך פאַכן און מען באַזוכט פלייסיק די פאַך־קורסן, כדי אויסצולערנען זיך א מלאכה.

עס קומען פאָר כל־ערליי פאַרזאַמלונגען געווידמעט די פאַרשידנסטע טעמעס און עס ווערן אפילו געפירט הייסע דעבאַטן וועגן „גאָט, מענטש און די סאָציאַלע רעוואָלוציע", וכדומה.

עס איז א מיניאַטור פון דער אַמאָליקער היים אין פּוילן, ליטע אָדער גאַליציע, וואָס איז איצט חרוב געוואָרן. אָבער די דיסקוסיעס זענען נישט אונטערגעגאַנגען...

אין יעדן קעמפּ, כמעט, עקזיסטירן ישיבות, חדרים און בית־יעקב שולן פאַר מיידלעך.



עס זענען פאַראַן כשר'ע קיכן וואו רבנים און רביים האָבן די השגחה איבער דעם כשרות.

אין די קעמפּס קומען פאָר תנאים'ס און עס ווערן געפּראַוועט חתונות, מיט כלי־זמרים און בדחנים. אפילו די יידיש-פאָלקסטימלעכע מצוה־טענצל, האָבן אויך אין די קעמפּס די זעלבע טעמים און חנ'ען ווי זיי האָבן געהאַט אַמאָל אין אונזערע אויף אייביק צושטערטע און אונטערגעגאַנגענע יידישע היימען.

אינטערעסאַנט איז אויך דער פאַקט, אַז אין א ריי קעמפּס עקזיסטירט א אייגענע יידישע מיליץ און אפילו יידישע געריכטן זענען דאָרט טעטיק, וואָס משפּטן די שולדיקע מיט זיצן אין „קאָזע" צו דריי טעג, א וואָך, א חודש און אפילו צו צוויי חדשים, לויט די באַגאַנגענע חטאים.

און עס פעלן נישט ב"ה קיין חטאים...

מענטשן זענען נאָך אַלץ זינדיק!... די צייט און די ליידן האָבן זיי— און אונז אַלע — נישט אויסגעבעסערט.

דאָס יידישע לעבן אין די קעמפּס איז א וועלטל פאַר זיך! א וועלטל, וואָס איז דורך נסים אויפגעשטאַנען תחית המתים און דאָס וועלטל — דאָס יידישע, וואָס ציילן קוים 100 טויזנט נפשות, איז אַזוי שעפעריש און אַקטיוו, אַז עס ווילט זיך אַזש מקנא זיין... זיי האָבן נישט גענוג צו עסן. עס פעלט א בגד אויפן פאַרפייניקטן און פאַרפרוירנעם גוף — אָבער מען שפּילט יידיש טעאַטער...

אין יעדן קעמפּ זענען טעטיק יידישע אַמאַטאָרן־טעאַטערלעך, וואָס געבן פאָרשטעלונגען פאַר א געפּאַקטער אוידיטאָריע. אַנשטאָט אָפּעסן א זאַטן אוונט־ברויט, כאָטש איינמאָל אין דער וואָך, גייט מען אין די טעאַטערלעך, וואָס שפּילן טעאַטער, נישט אויף אויסגעטראַכטע משונה'דיקע טעמעס, דאָס שטאָף איז גענומען פון דעם אייגענעם לעבן, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט ימ'ען פון צער, פּיין, רדיפות און באַליידיקונגען. עס איז א טעאַטער פון זייער אייגענער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט. א טעאַטער, וואו עס זיינען נישטאָ קיין געהעריקע דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, ליכט־עפעקטן און אַנדערע נויט־ווענדיקייטן. אָבער אַלץ איז דאָך פאַראַן אין א אימפּראָוויזירטן פאָרנעם.

די צייט און די נויט, האָט דערפונדן די געהעריקע טאַלאַנטן, וואָס שרייבן לידער און אַרטיקלען אויף כל־ערליי טעמעס. מענטשן, וואָס זענען געווען געגליכן צו שטויב, האָבן אין זיך אַנטדעקט שעפערישע כוחות און איצט באַקומען זיי א תיקון אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פונם יידישן לעבן, וואָס שפּרודלט אין די פריערדערמאָנטע קעמפּס.

הונדערט טויזנט געראַטעוועטע יידן...

בלויז א פּראָצענטועלער ברוכטייל פון אונזער גרויסן פאָלקס־אונגליק, אָבער זיי זענען פאָרט א יש אינם יידישן לעבן — אין פאַרגלייך צו לאַנדאָן אָדער ענגלאַנד, למשל, וועמענס 400 טויזנט יידן זענען געגליכן צו גייסטיקע לא־יצלח'ס — פון אונזער יידישן באַגריף.

## אליהו פאלושאק

# „האפנונג און שרעק“ *

### (פּרץ דער קעמפער)

מאַרטין בובער האָט מיט 26 יאָר צוריק געשריבן אַ קליינע אָפּהאַנדלונג איבער י. ל. פּרץ און זיין שאַפן, וואו ער באַטאָנט, אַז דער גרונטמאָטיוו פון פּרצעס שאַפן בויט זיך זייער דייטלעך אויף די צוויי טיפן, וועלכע זענען פאַרטראַכטן אין אַלע זיינע ווערק: דאָס איז דער דולדענדער ייד, דער פּלפּול־דיקער ייד און דער זינגענדער ייד. איין יידישער טיפּ, מיינט בובער, איז ביי פּרץ'ן נישט פאַרטראַכטן: איינער, וואָס וויל נישט ליידן, נאָר קעמפן; וואָס וויל נישט גריבלען, נאָר עפּעס באַשליסן, איינער, וועלכער האָט זיך אליין אויסערוויילט מיט אַ שטאַרקן ווילן און וועמענס באַשטרעבונגען זענען מער, „ווי דער געזאַנג פון אַ נשמה“. בובער מיינט, דער העראָאישער ייד פעלט ביי פּרץ'ען. און דאָ שיידן זיך לויט זיין מיינונג די גייסטער. ער שליסט אָפּ זיין אַרטיקל: „אַ וועלט פון וואונדער האָט ער געמאָלן, אַ וועלט, וואָס מיר האָבן ליב און וואָס האַלט איצט אין גוססען. און די נייע וועלט ווערט שוין איצטער געבוירן.“

וואו איז די נייע וועלט, מאַרטין בובער? אָבער נישט פון אים, דעם איינזייטיקן אויסטייטשער פון אונזער גרויסן קלאַסיקער זאָל דאָ זיין די רייד, די דאָזיקע שורות זענען געווידמעט יצחק לייבוש פּרץ, דעם קעמפער.

צום דרייסיקטן יאָרצייט פון פּרץ האָב איך געשריבן: „ווען מיר קוקן זיך אַרום אין אונזער אָרים וועלטל, וואו דאָס קליינע און גראַשנדיקע, דאָס וואָכנדיקע און אויסגעוועפּטע ווערט אַזוי הויך געהייבן אָדער געדרוקט מיט גרויסע אותיות; ווען מיר קוקן זיך צו צום גייסטיקן, פּאָליטישן, אָדער „אויך־מיר־פּאָליטישן“ תוהו ובוהו אויף דער יידישער גאַס — בענקט עס זיך אַהיים צו דער צייט, ווען אַ פרייש געזאָגט אָדער געדרוקט וואָרט פון יצחק ליבוש פּרץ האָט געגעבן מוט, כוח, האָפנונג און קלאָרקייט“.

און ווען מיר דערמאָנען זיך אין מ. פּוקס אַרטיקל, אַז פּרץ איז געווען „דער טיפּ פונם משכיל 'פאַר עקסעלאַנס' “, אַ גייסטיקער געמיש פון דיכטער, דענקער און געזעלשאַפטליכער קריטיקער. און אַז ער האָט אין זיין שאַפן „געפּראַווועט צו געבן אַ סינטעז פון די עלעמענטן פון אוניווערסאַלן גייסט.“ און ס'איז אים נישט געראָטן. אַז ער האָט איראָניזירט די וועלט, געמוסרט געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, אַז דער אַרויסגעקומענער מוסר השכל איז אַ שוואַכע חכמה... אפשר פּסיידא, אָדער האַלבע אינטעליגענץ צו באַפרידיקן,

---

* „האָפנונג און שרעק“ איז דער נאָמען פון אַן אַרטיקל, וועלכן פּרץ האָט געשריבן אין די גרויסע אומרואיקע יאָרן 1904-1905, און איז צו געפינען צווישן זיינע כתבים „אויפזאַצן און פעליעטאָנען“, (באַנד 9, אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ, אַרויסגעגעבן פון ב. א. קלעצקין, ווילנע 1922).



און נישט מער“ — זענען מיר חלילה נישט געקרענקט דערפון, ווייל מיר פאַרשטייען דעם פּאָליטישן פּירוש דערצו...

עס ליגט דאַרין אַ סיסטעם פון פאַרקליינער: און פון פאַלש אָפּשאַצן די, וואָס זענען באמת'דיק איינמאָליק גרויס, און אויף וועמנס קומען און ווירקן מיר האָבן געמוזט וואַרטן לאַנגע דורות, און וועמענס איינפלוס ס'וועט ווירקן אויף אונז „האַלב אינטעליגענץ“ ווייטער און ווייטער ביז ס'וועט ווידער אַמאָל קומען אַ נייער פּרץ, וועלכער מיט זיין פייער און ברען, נשמה און טאַלאַנט, — אַ נייער גייסטיקער געמיש פון דיכטער, דענקער און געזעלשאַפטלעכער קריטיקער, — וועט אונז אַנטפּלעקן נייע פראַגמענטן פון יידישער גייסטיקייט, פונם אייביקן ניצוץ היהדות.

און עס זענען נאָר פראַגמענטן פון גייסטיקייט, וועלכע ס'איז באַשערט צו אַנטפּלעקן פאַר זיין דור און זיין צייט, אָדער פאַר דורות אין אייביקייטן צו אַן איינצלנעם געניוס. דעם מיטלמעסיקן געלינגט אַמאָל דאָס אויך נישט. דעם מיטלמעסיקן געלינגט צו שרייבן אַ ראָמאַן, אַ גוטע דערציילונג פון אַ צייטגעבונדענעם וואָרט. דעם נאָך־וויניקער באַגאַבטן געלינגט דאָך נאָר גייסטיקע סחורה, וואָס פונפצן גייט אַרויף אויפן טויז.

געלינגט עס אָבער עמיצן צו אַנטפּלעקן אַ נייעם בעל־שם זענען מיר דאַנקבאַר, ווייל אַ נייער בעל שם מיט זיין גוטסקייט, מידת הרחמים און וואַרימע אויגן ברענגט אַריין אַ נייעם כוח און אַ ווילן פון צוגעבונדנקייט איינער צום אַנדערן. דאָס איז מער פיל מער, ווי יודאַאיזירטער פאַלש־אויסגעלייגטער העראָאיזם.

און זאָל זיין, אַז פּרץ'עס שאַפן איז נאָר גוט פאַר „האַלב־אינטעליגענץ“, האַלב־אינטעלעגענץ איז אַגרויסע זאַך אין אַ צייט, ווען די כלומרשדיקע „פול־אינטעליגענץ“ האָט נישט קיין ליניע און קען קיין ליניע נישט אָנווייזן. און ווייל ס'איז אין די לעצטע דרייסיק יאָר עפּעס גאַנץ איינמאָליקע גרויסעס נישט געוואָרן געשאַפן און ס'איז נישט אויפגעשטאַנען אַ געניוס, אַ צענטראַלע יידישע פּערזענליכקייט פון גרויסן גייסטיקן פאָרמאַט, — בלייבט יצחק ליבוש פּרץ אויך ווייטער אונזער מנהיג און טריבון.

דער וועג, וואָס האָט געפירט פּרץ דעם משכיל צו פּרץ דעם קינסטלער און שפּעטער צו פּרץ דעם פּובליציסט, דעם כלל־טוער, דעם קעמפער, איז געגאַנגען איבער דעם יידישן שטעטל. די סטאַטיסטישע עקספּעדיציע, פאַרנטשטאַלטעט פון אַ גרופּע אַסימילאַטאָרישע נאַטאַבעלן אינם יאָר 1890, און אין וועלכער פּרץ האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט, האָט אים געבראַכט אין נאָענטער באַרירונג מיטן יידישן שטעטל, און יידישע פאָלקסמאַסן. די דאָזיקע נסיעות זענען נישט מער געווען צופאַל־רייזעס פון זאַמאָשטש נאָך וואַרשע, און ווידער צוריק נאָך זאַמאָשטש. פּרץ איז שוין דאַמאָלט געווען אַ באַקאַנטער אין דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור, אַ רייפער מענטש מיט אַ גוטער בילדונג און מיט אַ פּע־זאַנגענהייט פון אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט. וואָס אים האָט געפעלט, איז געווען רעאַלער חוש פאַר דער יידישער

לאַגע און ווייטבליק. זיין פּראָווינץ־רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט באַשריבן פון אים און די „רייזע־בילדער" עפענט פּרץ'ן די אויגן. פּרץ דערשפּירט (און ער דריקט עס אויס אין זיינע רייזע-באַשרייבונגען) צום ערשטן מאָל, אַז דאָס יידישע שטעטל איז שוין אינם צושטאַנד פון אויפלעזונג און אַז די יידישע עקזיסטענץ דאָרט איז אונטערמינירט.

פּרץ'עס שטעלונג אַלס באַאַמטער פון דער וואַרשעווער גמינע, איז זייט יאָרן געווען אַ דיסקוסיאָנס־טעמאַ פאַר אָנהענגער און קעגנער. מאַנכע האָבן באַדויערט זיין אָפּהענגיקייט צו אַזעלכע מענטשן, ווי נאַטאַזאָן און דיקשטיין, און האָבן געמיינט, אַז עס איז נישט ריכטיק, אַז אַזאַ „לייב" ווי פּרץ ווערט געהאַלטן אין אַ שטייג. זיכער אָבער איז, אַז זיין אַריינטרעטן אַלס אָנגעשטעלטער פון דער גרעסטער יידישער קהלה אין אייראָפּע איז געווען אַ ווייטערער עטאַפּ, וואָס האָט אים געפירט צו די יידישע מאַסן, צום יידישן פאָלקסמענטש.

אָן צווייפל וואָלט פּרץ אָן וואַרשע און אָן זיינע „סטאַטיסטישע עקספּעדיציעס" געוואָרן דער גרויסער קינסטלער און פאָרמער. צי ער וואָלט אָבער געוואָרן דער גרויסער פּובליציסט, כלל־טוער, קעמפער און טריבון — דאָס איז אַ פראַגע, וואָס בלייבט אָפן. בולט איז אָבער, אַז קיינער פון אונזערע גרויסע קלאַסיקער און זייערע נאָכפאָלגער האָט נישט פאַרמאָגט דעם חוש די פּערזענלעכקייט, דעם בילדונגס־גראַד און די אינטעליגענץ צו שאַפן מיט דער הילף פון פּובליציסטישע אַרטיקלען, דערשיינען דאָ און דאָרט פון צייט צו צייט, אַ יידישע וועלט-אַנשויאונג פאַר דעם יידישן מענטש דאָ אין גלות, אַ נאַציאָנאַל־יידישע וועלט־אַנשויאונג צוגעשניטן פאַרן פּראָגרעסיוון ייד, וואָס ציט זיין יניקה פונם עבר און לעבט דאָך — אין דער קעגנוואַרט, — אַ סינטעז פון דער גרויסער יידישער טראַדיציע מיט דעם מאָדערנעם יידישן קולטור-אידעאַל.

פּרץ דער פּובליציסט און כלל־טוער איז פּרץ דער קעמפער. און צו קעמפן האָט ער געהאַט אויף צוויי פראָנטן: מיט די אויסערלעכע שונאים און מיט די קעגנער אין אייגענע רייען: אַסימיליאַציע, האַלב־אַסימיליאַציע (דער פּוילישער ציוניזם), אָפּגעשטאַנענע רעאַקציאָנערע עלעמענטן וכדומה. מען קען איינשטעלן זיין קאַמף אין דריי פאַרשיידענע פאַזן: דער קאַמף קעגן די עקאָנאָמישע נויט פון די יידישע מאַסן („און דער עיקר דאַרף מען זען, ווי וויט מעגלעך איז, דאָס פאָלק זאָל האָבן פּרנסה" אין זיין אָפּהאַנדלונג „בילדונג"), דער קאַמף פאַר אַ בילדונגס־און יידיש דערציאונגס־אידעאַל און זיין גרויסער מוטיקער קאַמף אין די יאָרן 1904-1905 מיט דער אַרומיקער נישט־יידישער וועלט, אַז מען זאָל נאָך דעם גרויסן נצחון איבער די פינסטערע כחות, חלילה, נישט פאַרגעסן די דריי מיליאָנען פּוילישע יידן אָדער די 6 מיליאָנען יידן, וואָס האָבן דאַמאָלסט געלעבט אינם צאַרישן רוסלאַנד, און זיין שפּעטערער קאַמף (נאָכדעם ווי די רעאַקציע האָט געזיגט), קעגן די פּוילישע באָיקאָט־באַוועגונג, קעגן די דמאָווסקים און גראַבסקים און קעגן די



אַזויגערופענע „פּאָסטעמפּאָווצעס", וועלכע האָבן פאַראַטן זייערע פּראָגרעסיווע אידעאַלן פון די קאַמף־יאָרן, און זענען איינגעטרעטן פאַר אַ „ווּשעך־פּאָלסקאַ", וואו אונזערע רעכט אַלס בירגער און יידן וועלן ווערן געטרעטן מיט די פיס, ווי פון די דאַמאָלדיקע רוסישע מאַכטהאָבער.

די נישט-יידישע עפנטלעכקייט האָט זיך אַ לאַנגע צייט באַצויגן מיט איגנאָראַנץ צו פּרץ דעם קינסטלער, פּובליציסט און קעמפער. אפילו זיינע יידישע „ברויטגעבער", די דאָזאָרעס פון דער גמינע האָבן נישט גענומען קיין נאָטיץ פון י. ל. פּרץ דעם יידישן דיכטער און באַרימטן שריפטשטעלער. און אין דער צייט, ווען זיינע ווערק זענען שוין געווען איבערזעצט אין פילע אייראָפּעאישע שפּראַכן, איז ביז צום טויט פונם דיכטער קיין שום איבערזעצונג נישט דאָ געווען אין פּויליש. פאַר די רעאַקציאָנען איז ער געווען צו פּראָגרעסיוו. פאַר די „פּאָסטעמפּאָווצעס", די פּוילישע פּראָגרעסיווע פּאַרטיי איז ער געווען צו „רוסאָפיל". די פּוילישע פּראָגרעסיווע בירגערלעכע פּאַרטיי דאַמאָלס האָט געשטרעבט פאַר אַ פרייע אומאָפּהענגיק פּוילן מחוץ דעם רוסישן מלוכה־פאַרבאַנד. פּרץ דער קעמפער אויף צוויי פראָנטן און אַ פּראָגרעסיווער אייראָפּעער איז צו גוט שוין באַקאַנט געווען מיט דעם נידריקן עקאָנאָמישן מצב פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. זיינע האָפנונגען זענען געווען, אַז די פאָרטשריטלעכע כחות זאָלן זיגן און אַלע פעלקער פונם רוסישן מלוכה־פאַרבאַנד פון וולאַדיוואָסטאָק ביז צו דער פּרייסישער גרענעץ, אויך די דאַמאָלס אונטערדריקטע פּאָליאַקן און יידן זאָלן באַקומען פּאָליטישע, נאַציאָנאַל-קולטורעלע און עקאָנאָמישע פרייהייטן. פּרץ האָט מיט זיין געזונטן חוש און אינסטינקט מורא געהאַט, אַז מיט דעם מלוכה'שן אָפּשפּאַלטן זיך פון אַ באַפרייטן פּוילן פונם גרויסן רוסישן אימפּעריום, וועט פּוילן, ליגנדיק צווישן צוויי גרויסע ווירטשאַפטלעך־שטאַרקע מלוכות, נישט זיין עקאָנאָמיש לעבנספעאיק, און זיינע יידן וועלן חלילה זיין דער שעיר לעזאזל פון עקאָנאָמישע דעפּרעסיעס.

צווייטנס האָט פּרץ מורא געהאַט, אַז ווען אַ באַפרייט פּוילן וועט אין גאַנצן זיין אָפּגעשניטן, מלוכה'ש און עקאָנאָמיש פונם גרויסן רוסישן מלוכה־פאַרבאַנד, וועט אויף תמיד און אייביק זיין צעריסן די גייסטיקע איינקייט פון זעקס מיליאָנען יידן פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע; דאַמאָלס דער איינציקער און גרעסטער יידישער קיבוץ פון דער וועלט, וועלכער האָט אין משך פון כמעט אַ יאָרהונדערט געשאַפן און געפאָרעמט אַ נייע, מאָדערנע קולטור אין צוויי שפּראַכן. פּרץ'עס שרעק און מורא פון דאַמאָלס זענען עדות פון זיין גרויסקייט און ווייטבליק. היינט ווייסן מיר, ווי רעכט פּרץ האָט דאַמאָלסט געהאַט, און זענען אויך אין רוסלאַנד היינט דאָ כמעט דריי מיליאָנען יידן, גלייכבאַרעכטיקט מיט אַלע פעלקער פונם סאָוויעטן־פאַרבאַנד, זענען זיי אָבער גייסטיק נישט מער דער כח, ווי ס'זענען אַמאָל געווען אין די גרויסע צייטן פונם שטורם און דראַנג, פּרצ'עס זעקסמיליאָנענדיקער יידישער קיבוץ פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע.

# אַ בילאַנס פונם יידישן פאָלקס-מצב

בנוגע די 2 וואָגיקע אַרטיקלען פון פּראָפ. נאַמיר אין „מאַנטשעסטער גאַרדיען“

אַ יידישער פּראָפעסאָר אויף דער אוניווערזיטעט אין מאַנשעסטער, די שטאָט וואָס איז דריי־פערטל פונם יאָר פאַררעגנט און פאַרכמאַרעט, האָט זיך מסתמא אין אַזאַ קאַלאַמוטנעם אָוונט אַהינגעזעצט ביי זיין שרייב־טיש פאַרן אָפענעם פייער, אַרויסגענומען אַ ריין טאַנשטיכל, געגעבן אַ הויך מיטן אָטעם אויף זיינע פּראָפעסאָרישע ברילן, זיי גוט אָפּגעווישט, און אָנגעהויבן מיט זיי קוקן קלאָר און דייטלעך אויף אונזער יידישן פאָלקס־מצב; ער האָט אָנגעשריבן צוויי וואָגיקע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט געצויגן אַ בילאַנס פון פאָלקס־קאַפּיטאַל, וואָס איז אונז פאַרבליבן נאָך דער גרויסער שריפה. דאָס איז פּראָפעסאָר ל. ב. נאַמיר. ער האָט די דערמאָנטע צוויי אַרטיקלען אָפּגעדרוקט אין דער וועלט־באַקאַנטער ליבעראַלער ענגלישער צייטונג „מאַנשעסטער גאַרדיאַן“.ביידע זענען לעולם נאָר איין אַרטיקל, אונטערן קעפּל „די יידישע פראַגע“. אָבער ער איז איינגעטיילט אין צוויי אונטער קעפּלעך: 1) „אַנגלאָ־זאַקסישע אחריות“ (לגבי דעם יידישן פאָלק), און 2) „דער גלות און דער אומקער אַהיים“.

די וויכטיקייט פון די צוויי אַרטיקלען ליגט אינם נייעם צוגאַנג פון פּראָפ. נאַמיר צו דער יידישער פראַגע בכלל. אינם ערשטן דערקלערט נאַמיר, אַז די ענטוויקלונג אין די לעצטע 65 יאָר האָט געמאַכט דאָס יידן־פּראָבלעם בעיקר אָן ענין וואָס איז נוגע די ענגליש־ריידנדיקע פעלקער און אַז דאָס נאָמינירן פון אַן אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע קאָמיסיע וועגן א״י און יידן איז אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ פון אָט דעם פאַקט. אין יאָר 1880 האָבן 75% פונם יידישן פאָלק נאָך געוווינט אינם רוסיש־פּוילישן מזרח, 3 פּערצענט האָבן דעמלט געוואוינט אין אַמעריקע, 1 פּערצענט אין דער בריטישער אימפּעריע; צו דערזעלבער צייט האָט אָנגעהויבן זיך ענטוויקלען אַ שטאַרקע יידישע אינטעליגענץ און רייכקייט אין צענטראַל־אייראָפּע.

צווישן 1880 און 1930 האָבן צוויי און האַלב מיליאָן יידן עמיגרירט פון מזרח־אייראָפּע קיין אַמעריקע און 300,000 קיין ענגלאַנד, קאַנאַדע, דרום־אַפריקע, ד.ה. אַז שוין אין 1930 זענען נאָר 45% פון וועלט־ אידנטום פאַרבליבן אין מזרח און 30% אין די ענגליש־ריידנדיקע לענדער. דאָס באַווייזט, אַז שוין איידער די נאַציס זענען געקומען צו דער מאַכט האָט זיך שוין ס׳וועלט־יידנטום גערוקט פון מזרח קיין מערב. איצט נאָך דער גרויסער שריפה זענען מיר פאַרבליבן קנאַפּע עלף מיליאָן. דערפון זענען 5 מיליאָן אין אַמעריקע, 750,000 אין דער בריטישער אימפּעריע און 600,000 אין ארץ ישראל. ד.ר. אַז 60% פון וועלט־יידנטום געפינען זיך איצט אין די ענגליש־ריידנדיקע לענדער. 2 און אַ האַלב מיליאָן יידן לעבן איצט אין רוסלאַנד, 750,000 אין איבריקן אייראָפּע, 500,000 אין דרום־אַמעריקע און 750,000 אין די מאַכמעדאַנישע לענדער, פון מאַראָקע ביז פּערסיע.



נאַמיר קומט צו דער מסקנא, אַז דער שטראָם פון דער יידישער עמיגראַציע קען נישט אַנדערש וואו גיין ווי קיין א״י.

דער אַנטיסעמיטיזם אין אַרגענטינע שרעקט שוין אָפּ יידן פון גיין קיין דרום־אַמעריקע; אין די מאַכמעדאַנישע לענדער וואַקסט אויך שוין איצט פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, און די יידן דאָרט טראַכטן גאָרנישט וועגן אַנדערע אימיגראַציע לענדער ווי א״י. רוסלאַנד איז אַ געשלאָסענע וועלט צוזאַמען מיט אירע יידן; די לעצטע מלחמה האָט אויך די רוסישע יידן, וואָס זענען פריער געווען לכל־הפּחות קאָנצענטרירט, איצט צוזייט און צעשפּרייט; זיי אַסימילירן זיך אויך כסדר און האָבן חתונה מיט נישט־יידן.

שוין איצט, זאָגט נאַמיר, ריידן די העלפט פון וועלט־יידנטום ענגליש, באַלד וועלן עס זיין דריי־פערטל; דערפאַר איז דער גורל פון יידנטום איצט פאַרבונדן מיט די ענגליש־ריידנדיקע לענדער — און אויך פאַרקערט! דערפאַר טראָגן די לעצטע אַן אחריות פאַרן גורל אין דער צוקונפט פונם יידישן פאָלק.

און דאָ וואָרנט פּראָפעסאָר נאַמיר די ענגליש־ריידנדיקע לענדער, אַז זייער אייגענער גורל איז אין אַ סכנה אויב זיי וועלן זיך נישט רעכטצייטיק באַשעפטיקן מיטן יידישן פּראָבלעם, ווייל ביז איצט זענען שוין 3 גרויסע אימפּעריעס נכשל געוואָרן דורך די יידן: שפּאַניע, דאָס צאַריסטישע רוסלאַנד און דייטשלאַנד. אין אַלע 3 לענדער האָבן יידן, דורך זייער אַריינדרינגען אין די רייכע און קולטורווירטע קלאַסן, מיט דער הילף פון זייערע פעהיקייטן, דערוועקט די קנאה און שנאה פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג אין די באַטרעפנדע לענדער; דאָס האָט געפירט צו אַ שטראָם פון האַס און ליידנשאַפטן וואָס איז, ווי אַ מגפה, נישט געבליבן לאָקאַליזירט, נאָר זיך אויסגעשפּרייט און סוף־כל־סוף, גורם געווען דעם אונטערגאַנג פון די 3 לענדער.

און דאָ פרעגט נאַמיר טאַקע די פראַגע: מיט וועלכן רעכט קענען די ענגליש־ריידנדיקע לענדער רעכענען, אַז די זעלבע היסטאָרישע ענטוויקלונג וועט זיך נישט איבערחזרן אין זייערע לענדער, איצט, ווען מאַסן יידן הויבן אָן אַריינדרינגען אויך אין זייערע רייכע און קולט־ווירטע קלאַסן? וועלן זיי נישט אויך שפּעטער דערוועקן קנאה־שנאה ביי דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, צוליב וועלכן זיי קענען ח״ו נכשל ווערן? האָט זיך נישט אייגנטליך דער דאָזיקער פּראָצעס שוין אָנגעהויבן? — פרעגט נאַמיר. אַנטיסעמיטיזם איז שוין שטאַרק אין אַמעריקע, קאַנאַדע, דרום־אַפריקע און שטאַרקט זיך אין ענגלאַנד.

דאָס איז אַ זער אינטערעסאַנטער און שפּאָגל־נייער צוגאַנג צום יידישן פּראָבלעם. פּראָפ. נאַמיר, ווי מיר זען, דאגה׳ט נישט בלויז פאַר יידנס־וועגן; ער קוקט דורך זיינע גערייניקטע שפּאַקולן אַסך ווייטער און זעט פאָראויס אַ סכנה פאַר דער ענגליש־ריידנדיקער וועלט, וועלכע שפּרייזט מיט גיכע שריט... די סכנה זענען די יידן וועלכע אָרדנען זיך איין אין די גלות־לענדער, און מיט זייער טאַלאַנט דערגרייכן די העכסטע פעלדער אין די באַטרעפנדע

מלוכות, אַרויסרופנדיק אַזוי אַרום האָס ביי די נישט־יידן, און האָס אין וועלכע פאָרם עס זאָל נישט זיין, שמעקט מיט פולווער... מ׳מוז זאָגן, אַז דער געדאַנק איז אָריגינעל.

ווי אַזוי קען מען די דאָזיקע סכנה אויסמיידן? דאָס באַהאַנדלט דער מחבר אין זיין 2־טן אַרטיקל „דער גלות און דער אומקער אַהיים“. **נ. צ.**

# אַ שפּאַציר איבער יידישע אויסשטעלונגען און טעאַטערס על רגל אחת

## 1. די בן־אורי בילדער קאָלעקציע

זעענדיק די אויסגעווײלטע־פיינע בן־אורי־בילדער־קאָלעקציע, נישט קיין גאָר גרויסע, אָבער דאָך אַ נישקשה׳דיקער קווער־שניט דורך דער יידישער מאָלעריי פון לעצטן יאָרהונדערט, — פון יאָסעף איזראַעלס און שמואל הירשנבערג ביז דעווים בראָמבערג און חנה קאָוואַלסקי, — האָב איך געהאַט נאָכאַמאָל די מעגליכקייט, על רגל אחת דורכצוטראַכטן, די מיט זיך שוין לאַנג אַרומטראָגנדיקע השערה בכדי צו צוקומען צו דער הנחה: עס איז דאָך פאַראַנען אַ געוויסער, — און אפשר גאָר אַ גרויסער, — אונטערשייד צווישן מערב־אייראָפּעאישע יידישע מאָלער און מזרח אייראָפּעאישע; און ערשט טאָקע אָ דער בפירושער חילוק, גיט אונז די מעגלעכקייט, מיר זאָלן זיך קלאָר ווערן, מיר זאָלן האָבן אַ פּאַקטישן באַווייז, אַז מיר האָבן אַ אייגענע נאַציאָנאַלע קונסט — —

אין די מייסטער בילדער פון סאָלאָמאָן, י. סאָלאָמאָן און לעסער אורי, די אָריגינעלע שטימונגס־בילדער פון מאַרטין בלאָך און יאַקאָב קראַמער, און אין די אַלע אַנדערע שטיל־לעבנס, לאַנדשאַפטן און פּאָרטרעטס פון די מערב־אייראָפּעאישע יידישע קינסטלער, איז, אַז מ׳וויל דורכאויס, קאָנען מיר אַריינטייטשן יידישקייט: פאַרב־טענער אין מאָל, מעלאַנכאָלישע עקזאָטישקייט און אָריענטאַלישע חכמה; יידישער טעמפּעראַמענט און באַשטימטער אויסוואַל פון טעמאַ — אפילו, ווען נישט יידישע טעמאַ, אָבער פון אַזאַ אינהאַלט וואָס נאָר אַ ייד זוכט זיך אויס; צומאָל דעם פּענזל־שטריך, קאָן מען אויסטייטשן, יידיש נערוועז, צי גאָר יהודימדיק מאַניערירט — דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן, אַז מ׳וויל! וואָרים להיפך, אויב מ׳וויל דווקא פאַרקערט, איז פּיסאַראָ גאָר אַ גרויסער און עכטער פראַנצויזישער אימפּרעסיאָניסט, ראָטנשטיין אַ רעאַליסט־נאַטוראַליסט און ענגלישער אַקאַדעמיקער —

איז דאָך יעדער וועסט־אייראָפּעאישער יידישער מאָלער אַרויסגעוואַקן פון וועלכע נישט איז איינגעפונדעוועטע, אָדער פריש אויפגעקומענע שולע, ער האָט דאָך סוף כל סוף נישט מער ווי דאָס אייגענע ביסעלע טאַלאַנט (ווי גרויס ס׳זאָל נישט זיין!) און זיין פּערזענלעך שטיקעלע אָריגינעלקייט. (ווי שטאַרק ס׳זאָל נישט זיין!) וועלכע מוזן קאָנען אַריבערוואַקסן דאָס גאַנצע פאָלק, פון וואו די שולע איז אַרויסגעוואַקסן און דורותדיק פאַרוואָרצלט, בכדי ס׳זאָל



זיך קאָנען אָנזען און אויסטיילן דאָס אייגנטלעכע זיינע, דאָס ספּעציפיש יידישע, אַזוי צו זאָגן.

אַנדערש איז עס מיט די מזרח־אייראָפּעאישע יידישע קינטלער! אַ ר.ים־געוואַקסענע פון די יידישע שטעטלעך, מיט ערד אונטער זייערע פיס, מיט הימלען איבער זייערע קעפּ, נישט נאָר פרילינגדיקע און האַרבסטיקע, נאָר פסחדיקע און ימים־נוראים׳דיקע! ערב־שבתדיק אָנגעצונדן גייט די זון אונטער... און אויף שטערן קוקט מען זיך די אויגן אויס ווי אויף וואַרטנדיקע אורחים... אין טייך גייען נישט נאָר מענטשן צו טבילה נאָר כלים צומאָל טראָגט מען אהין דאָרטן אָפּצוטובלען... און אונטער יעטווידן מינדסטן גרעזל שטייט אַ מלאך און שרייט וואַקס, וואַקס!

יידישער פאָלקלאָר גיט לוסטיקע קאָליר און בוראַלעסקע פאָרעם יעדן לעבעדיקן וועזן און טויטן חפץ; יאָ עס מאַכט לעבעדיק גראָטעסק יעטווידן דומם.

נישט אימפּרעסיאָניזם־ צי עקספּרעסיאָניזם־שטימונג, אָדער קונסט־פאַר־קונסט אין אַן אַנדערער מאָדערנער פאָרעם איז דאָס, וואָס די מזרח יידישע קינסטלער מאָלן! אמת, אין זייערע זאַכן זעט זיך אויך אַרויס די שולע פון וועלכער זיי קומען אַרויס, אָבער אינערלעכע און מיט זיך מיטטראָגנדיקע אַטמאָספערע איז אַ סך שטאַרקער פון אַלע שולעס און קינסטלערישע איינפלוסן. זייער טאַלאַנט איז נישט נאָר בלויז זייער אייגן ביסל יחידישע אָרגינעלקייט. — ס׳איז די ספּעציפישע אייגנאַרט פון זייער גאַנצן פאָלק! ווי זייערע טאַטעס מיט די האָר פון זייערע בערד אין די בלעטער פון די שווערע גמרא׳ס, וואַרצלען זיי מיט זייערע פּינזל־הערלעך, אויף זייערע ברייט געשפּאַנטע לייוונטן. זיי זיינען חושימדיקער אינטעלעקט פון אַ זיך פאָרמדיקע מאַסע; זיי זיינען אָפּבילד פון אַ קאָלעקטיוו, וואָס איז פּלאַסטיש בולט, וואָס פאַרווישט זיך נישט.

און נאָך מער דורך זייער אָנגעזעענער אייגנאַרט, דורך זייער שאַרף־אויסגעפּרעגטן פּרצוף־פּנים ווערן אויך דערזען די פּראָפיל־שטריכן פונם מערב־אייראָפּעאישן יידישן קינסטלער; זיין קרובהשאַפט ווערט קאָנטיג, זייער פּסיכישע נאָנטקייט מערקט זיך, וואָרים זיי שטאַמען דאָך סוף כל סוף פון זעלבן מקור, זיי וואַקסן אַרויס פון אייגענעם שורש.

די מאָלעריי פון אַ פאָלק איז די אילוסטראַציע צו זיין געשאַפענער ליטעראַטור, פּונקט ווי אומגעקערט די ליטעראַטור איז דער טעקסט צום געשאַפענעם בילד. יאָ, יעדן איינעם פון אונזערע מאָלער קאָן מען אָנווייזן זיין פּענדאַנט, זיין צווילינגס־ברודער אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין מינקאָווסקים „תשעה־באב“, זיצט זי נישט די אַלטע, אַרויסלייענדיק פון טייטש־חומש ווי ערגעץ־וואו אין שלום אַשס „אַ שטעטל“? און דאָס פאַרטראַכטע ׳פערדל׳ אין ריבאַקס בין־השמשות ליכטיקן גראָז זעט עפּעס אויס אַזוי בערגעלסאָניש טרויעריג ווי ס׳וואָלט שוין געווען „נאָכאַלעמען“. און מאַנע קאַצס „שטורעם“ איז נישט מאָנעס, אָדער מאַנעס אימפּרעסיאָניזם, —

דאָס זעגל־שיפל וואָלט זיך אויף זייערע כוואַליעס נישט מער געקאָנט האַלטן. עס וואָלט שוין לאַנג געווען אונטערגעגאַנגען ביי אַזאַ געוואַלטיקן שטורעם, — עס איז פון מאָרים ראָזענפעלד פון „בוזים אויפן ים" אַרויס, צי גאָר אַ געמיש פון מאַרקישעס ברויזנדיקע סטראָפעס מיט פישל כאַשטשיוואַטעס שרעק שווימענדיק אויפן בוג.

אוי כמעט קאָן מען נאָכגיין יעדן איינעם פון אונערע מאָלער! נישט ליטעראַריש־טעמאַטיש געמיינט, נאָר ריין פון דער שטימונג און אַטמאָספערע.

און אַמאַדעאַ מאָדיגליאַני, דער יידישאיטאַליענישער מאָלער מיטן גרויסן קינסטלערישן אינסטינקט, ווי האָט ער דאָס געבענקט נאָך זיין פענדאַנט, נאָך זיין יידישן צווילינגס-ברודער. און דער ענגלישער מאַרק גערטלער, וואָס האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען אינם פרעמד קאַלטן לעבן מיט זיינע וואַרעם־זאַפטיקע שטיל־לעבנס און עקזאָטיש־שפע'דיקע לאַנדשאַפטן און חושימדיקע בעל־גופים, וואָלט ער זיך נישט געפונען גליקליכער, ווען ער וואָלט געאַנט, אַז ער האָט ערגעץ־וואו אַ היימיש נאָנטן, אַ משפּחהדיקן, גליקלעך־אומגליקלעכן, אַן א. מ. וויסנבערג? יאָ, אַז „די קאַרוסעלע" דרייט זיך, אַז ס'איז: „דור הולך ודור בא".

ווערט דאָך די הנחה גופא, דער לעבעדיקער פאַקט, אַז ס'איז פאַראַנען אַ געוויסער אונטערשיד און אַ ברידערלעכע קרובהשאַפט צווישן די מערב־אייראָפּעאישע־און מזרח-אייראָפּעאישע יידישע מאָלער, אַ בפירושער באַווייז, אַז מיר האָבן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע קונסט, אַ ספּעציפיש יידישע. אַז ס'איז פאַראַן אַזוינס פיזיש־טאַטזעכלעכס, וועלכעס מ'קאָן טיילן און מאַכן אונטערשידן, איז עס דאָך קודם־כל דער קלאָרסטער באַווייז, אַז ס'איז פאַראַן, אַז ס'עקזיסטירט.

## 2. יאַנקל אַדלער

(צו זיין אויסשטעלונג איצט אין דער „לאַפעוורע־גאַלעריע)

דער באַקאַנטער און מאָדערנער מאָלער יאַנקל אַדלער, — וואָס איבער זיין קאָביזם און דעקאָראַטיווער פאָרעם האָבן מיר שוין אויספירלעכער גע־שריבן אין העפטל ביי זיין אָנקומען אין לאָנדאָן פון פאַריז און ביי זיין אויס־שטעלונג פאַר 3 יאָר, — ווייזט יעצט אַרויס, ביי זיין איצטיקע אויסשטע־לונג, אַז ער איז נישט נאָר אַ פּיקאַסאָאיסט, אַן אָנהענגער פון דער מאָדערנער פראַנצויזישן קוביזם פון פּיקאַסאָ, בראַק, קלעע, נאָר מיט זיין פּלאַסטישער דעקאָראַטיווישקייט וואָס ער האָט זי שוין געהאַט ביי זיינע ערשטע בילדער נאָך פון זיין לאָדזשער־און דיסלדאָרפער צייט, און זיין שטאַרקע נטיה צו פאַר־ביקייט, איז אים באַשערט צו זיין דער מפרש, דער פאַרטייטשער פון דער נייער קונסט פאָרעם. פונם קוביזם.

איז מיט אַן עפּאָכע פריער געווען מאַקס ליבערמאַן דער פאַרמיטלער פונם פראַנצויזישן אימפּרעסיאָניזם אין דער מיטל־אייראָפּעאישער מאָלעריי, איז עס באַשערט אַצינד אַדלערן צו זיין פונם קוביזם אין ענגלאַנד.

אַ קינסטלער איז אָבער נישט קיין פאַרמיטלער — ער מאַכט עס מיט



זיך פאַרשטיין! ער גופא, מיט זיין עכטן טאַלאַנט, שטייט ליכטיק אינמיטן.

דעם קאַלטן דייטשן רעאַליזם און דעם גליאַיק-ליידנשאַפטלעכן פראַנ־צויזישן אימפּרעסיאָניזם האָט ליבערמאַן, דער ייד, מיט זיינע וואַרעמע און ליריש־קלוגע פאַרבן, — און דווקא מיט האָלענדישע לאַנדשאַפטן, וועלכע זיינע געאָגראַפיש טאַקע אין מיטן צווישן די צוויי לענדער — פערמיטלט און פאַרבונדן איינעם מיט דעם אַנדערן. שטייט אַצינד אַדלער אויף דער בריטי־שער אינזל, — וועלכע קוקט אַזוי קאָסאָקע און אַ־קינסטלעריש אַריבער צום פראַנצויזישן קוביזם, — און פערוואַנדלט דעם מאַטעמאַטישן און שאַרף עקיקן קוביזם און דעם טיילמאָל עקזאָטיש-אויסטערלישן פּיקאַסאָ אין אַ מאָזאַ־איקישע פאַרבן־פרייד פון היימישע און ליבלעכע קאָלירן.

איז עס דאָך אַ יידישע אייגנשאַפט דאָס פאַרמיטלערטום, און די אויפ־גאַבע פון דער קונסט איז דאָך צו דערהויבן און צו פערוואַנדלען יעדע פּסי־כישן דעפעקט אין גייסטיקן־עפעקט, און דאָס טוען טאַקע אונזערע יידישע קינסטלער.

און נאָך מער איז נישט אונזער גאַנצער יידיש שאַפן אין די לעצטע הונדערטער יאָרן געווען, דאָס מפרש זיין, אַריינלייגן זיין גאַנצן איך אין אַ טרוקענעם האַרטן פּסוק, און וואַרעם און התלהבותדיק אויפלייכטן מיט אים, מיט אָט־אָ דעם פּסוק.

פון זיינע לעצטע בילדער ווייזט זיך אויס, אַז יאַנקל אַדלער האָט זיך ווידער געפונען. מיט נצוצין פון חסידישן־ברען, ווי אין זיינע אַמאָליקע ליידנשאַפטלעכע יוגנט בילדער, לייכטן אַרויס זיינע אַמאָליקע היימישע פאַרבן; געצוימט אַ ביסל אין דעם מאַטעמאַטישן חשבון פון דרייעק און קובע, לייכטן זיי נאָר אַרויס אַביסל סודותדיקער ווי שטראַלן פון אונטער סוף זומער־וואָלקנדלעך, און ממילא פאַרטיפטער. און אפשר איז עס אונזער זידיק בלוט וואָס טונקלט אַצינד אַזוי אינם פערגליווער.

וואָרים נאָך עפּעס באַווייזט אַדלער מיט זיינע אַרבעטן פון די לעצטע 3 יאָר, אַז דער קינסטלער פון אונזער דור האָט באמת נישט קיין אַנדערן וועג, קיין אַנדערע מיטלען זיך אויסצודריקן ווי מיט די מאָדערנע קונסט פאָרמען, מיט זיי כאָטש צוימען דעם בלוטיקן תאוהדיקן ציטער....

קונסט איז דאָך סוף כל סוף די עסטעטישע פרייד פאַר מענטשלעכן אויג! און ווי אַזוי איז באמת מעגלעך, אויף אַ רעאַליסטישן, צו אויף אַן אימ־פּרעסיאָניסטישן אופן צו פערוואַנדלען אַ היינטצייטיקע טעמע אין אַזאַ מין גייסטיקע הנאה.

און בכלל, אַז יעטווידער טעמע ווירקט שוין באַנאַל און בפרט אַ היינט־צייטיק אַקטועלע און דערצו נאָך יידישע — פון אונזערע בלוטיקע טעג!

און אַז אַ קינסטלער, בפרט אַזאַ עפּיש־געזונטער ווי יאַנקעל אַדלער, שטייט פאַר אָט דער דאָזיקער פראַגע, מוז ער זיך ענטשליסן פּאָזיטיוו פאַר דער מאָדערנער פאָרעם.

אַלץ וועט ער שוין טון, אַלע קאָמבינאַציעס וועט ער צוזאַברענגען: פון

די לייכסטע פאַרבען גראַד וועט ער די עוואַנטוריסטיש-שווינדלדיקע בריקן אויפבויען; פון די שווערע עמאַליע רושטאַוואַניעס פלאַטערן פייגל אַרויס, — נישט שאַגאַלישע, נאָר עפּישע! — מיט די דינסטע זייד־פאַרבנדיקע שטריכן קניפּן זיך אַריטנטאַלישע טעפּיכער — — און דאָס געשמעלץ פון טליתים־שפּאַניעס! אַבי אַרויסבאַקומען דאָס פאָרמען שפּיל פון זיינע גלידער און דאָס ליכטיק־לייכטן פונם בלוט געציטער.

קונסט שטאַמט דאָך פון קענען! אָבער ווי פּאַראַדאָקסיש דאָס זאָל נישט קלינגען, שטערט פּאָרט דאָס מייסטערישע קענען די קינסטלערישע שלימות, עס האָט די גרויסע געפאַר פון נישט־ שעפערישע גרינדלעכקייט און דעטייל־אויסערלעכקייט. די געפאַר איז תמיד געווען ביי אַדלערן! איז עס טאַקע אַ גוטער סימן, אַז ער איז געבליבן דער נישט דערשראָקענער אונטערצונעמען זיינע קינסטלערישע עוואַנטורעס — ביי זיין עפּישע געזונטקייט, ברויכט ער זיך לגמרי נישט צו שרעקן.

אין די געלונגענע בילדער אַדלערס, וואו דאָס קונסט־געווערבלענע-דעקאַראַטיווע ווערט גאַנץ אויפגעלעזט אין פאַרביקע שיינקייטן, ווירקט דאָס קוביש מאַטעמאַטישע מעלאָדיש מוזיקאַליש און אומבאַוואוסט ווערט מען מיט אַריינגעצויגן, ווי בשעת הערנדיק גוטע מוזיק, אין רעיונות וואו עס מישט זיך געגנוואַרט און אין סוף; דאָס אַל־טעגלעכע נעפּלדיק־פאַרשוואומענע און די פּלאַסטישקייט מיט דער פּערספּעקטיוו פון דער טיפער געהיימער מחשבה.

יאַנקל אַדלער האָט אָנגעפילט די ציפערדיקע נאָטן־מוזיק, די אייראָפּעאישע טאָן מוזיק פון פּיקאַסאָס און בראַקס קוביזם מיט יידישלעכע וואַרעמע מעלאָדיע, מיט פאַרביק־פאַרקלערטע חסידישע טענער.

פּ.ס.—אַזוי ווי ביי אונזערע מעגלעכקייטן קאָן מען לײדער קיין פאַרביק בילד פון יאַנקל אַדלערן נישט רעפּראָדוצירן, און אין שוואַרץ-ווייס וועט עס אין גאַנצן פאַרלירן פון זיין אָריגענעלע שיינקייט, האַלטן מיר, אַז עס איז בעסער — ווי לייד עס זאָל אונז נישט טון — דאָס מאָל, ביי דער אויסשטעלונג, דער וויכטיקסטער, זייט אַדלער וואוינט דאָ אין לאָנדאָן, מותר צו זיין אויף רעפּראָדוקציעס.

## צום 40-טן געבוירן יאָר פון „יענקל דער שמיד“

(צום אויפפירן פון דעם שטיק דעם 18־טן אַפּריל, ביי דער פייערונג לכבוד דוד פּינסקי פון „פריינט פון יידיש לשון“ אין יידישן פאָלקס־הויז.)

אַז דאָס „עם הספר“ קאָן ציען לעבן פונם בוך קאָן זיך אויסלעבן אינם בוך, קאָן אַריינשטעלן די גאַנצע וועלט אינם בוך. דאָס האָבן אונזערע קלאַסיקער באַוויזן — „הפוך בה והפוך בה דכולה בה“! און אונזערע בינע־קלאַסיקער האָבן דאָס „נעמלעכע“ געטון, נאָר מיט אַן אומגעדרייטער קאַפּאָטע; פונקט ווי גאָלדפאַרען האָט פון אונזערע ספרים־שבכתב און פאָלקלאָר־שבעל־פה אַרויסגעכישופט און פאַרכישופט, אַזוי להבדיל, האָט גאָרדין פון די גויאישע ביכער אַרויסגעשעקספּירט און יידישלעך געאיבסנט.

„יענקעל דער שמיד“ האָט מיט זיין שווערן האַמער אויפגעבראָכן די טיר פונם ספרים־אַלמער, און ער איז אַרויס אויף דער אָפענער בינע! דוד



פּינסקי האָט מיט דער דאָזיקער דראַמע געמאַכט די רעוואָלוציע אין אונזער ליטעראַטור — דער יידישער האָראָפּאַשניק איז אַרויס אויף דער אַרענע, מיט זיין האַמעטנעם קאָפּ צו באַנעמען די וועלט; מיט זיינע צעראַפּעטע מאָזאָלעס הענט מיט זיינע גרויסע שטיוואַליעס האָט ער מער נישט אַריינגעפּאַסט אינם בוך, האָט ער אים אַרויפגעשטעלט אויף דער בינע — אַז די טעאַטער ברעטער האָבן אַזש אַ וואַקל געטון.

דוד פּינסקי איז דער שאַפער פון דער מאָדערנער יידישער דראַמע!

נישט קיין מיליע שילדערונגען איז „יענקל דער שמיד“, און דאָס וואָס ס'איז מיליע איז עס נישט פון פּינסקין, עס איז גענומען פון דאָ און פון דאָרט „עיין שם בדף“ אַזוי און אַזוי „ועיין שם“... דאָס וואָס פּינסקי האָט געשאַפן איז דראַמע, די גרויסע דראַמע פון נסיון, בעסער געזאָגט, פון אויפהויבן דעם נסיון — אים בטל ומבוטל מאַכן!

ווי זיי ציטערן דאָס פאַר דעם „ועל תביאנו לידי נסיון“! די דריי בעלי בתים'לעך פונם שטעטל, זיי, מיט זייערע ליידיקגייערישע שוואַכע הענט, וויאַזוי קאָנען זיי זיך האַלטן אין די הענט! זיי, נעבעכדיק הויט און ביין, זאָלן זיך גיין פאַרמעסטן אַנטקייגן יצר־הרע, אַז „איזה גבור הכובש את יצרו“ — די גבורים! מישטיינסגעזאָגט, וואָס זיי זיינען! „יענקל דער שמיד“ אָבער, איז שוין נישט מער דאָס „קאָוואַלטשיקל“, וואָס קומט הערן אַ חזן, זיין „ווי מיטן האַמער אַ קלאַפּ“, איז נישט מער אַ בלויזער מעטאַפער פאַרגלייך — מיט זיין אייזערנעם האַמער פאַרמעסט ער זיך שוין איבער דער פאַרזשאַווערטער וועלט — זי צו ענדערן! ער איז זיכער אין דעם, וואָס ער טוט!! ווי זיין שווערן האַמער אין זיינע מאָזאָלעס הענט האַלט ער זיין געשמידט לייב און זיינע פעסטע הענט — ער האָט אים, זיין נאָך נישט אויסגעהאַמערטן גוף, אַרויסגעריסן פון די שדים'ס הענט און ער באַאַרבעט אים און העמערט אים. ער איז זיכער אין דעם וואָס ער טוט, ער האָט נישט קיין מורא פאַר זיין אייגענער האַנדלונג, און דערפאַר איז „יענקל דער שמיד“ בינע־האַנדלונג, — ווייל עס געשעט דאָס גרויסע אויף די בינע — דאָס ווירקן פונם פאַטאַלן גורל! נישט נאָר, אַז ער איז עומד בנסיון, „יענקל דער שמיד“. נאָר ער הויבט אויף דעם נסיון, ער זאָל נישט מער עקזיסטירן — עומד בנסיון איז מען אין חומש! אברהם אבינו — — יוסף הצדיק — —· ער איז יענקל דער שמיד!

„יענקל דער שמיד“ איז דער אָנהויב פון אַ נייער יידישער קולטור פּאַרעם, פון אַ קולטור פאָרעם פון אַן אַנדערן שטייגער, — נישט פונם באַנקקוועטשער, פונם ביכער־וואָרים, סאיז פונם טעטיקן שאַפנדיקן מענטש, פונם פּראָסטן חי־וקיים, — ס'איז דאָס שאַפן פון באַוואוסטן פּראָלעטאַריאַט.

יאָ, פונם באַוואוסטן! באַוואוסט, הייסט נישט באַלעזן, באַלערנט, אויסגעקליגט, באַוואוסט אינם אייגענעם כוח! אינערלעך אינסטינקטיוו באַוואוסט, אַז זיין קלאַס שפּירט אין זיך די מאַכט איבערצונעמען די פירונג פון דער וועלט — ער, יענקל דער שמיד שפּירט עס אינם יוסטן טראַט פון זיינע פיס, אינם צוזאַמענקוועטש פון זיינע פעסטע פויסטן.

א פראָלעטאַרישע דראַמע מיינט נישט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע קומט פאָר אויף דער בינע אונטער קוליסן-באַריקאַדן, און די טעאַטער־ברעטער הילכן פון די פּאַראָלן און די „אינטערנאַציאָנאַלע". אָדער גאָר מ׳שיסט אויס אַלע קוילן פונם רעוואָלווער אינם פעטן בויך פונם בורזשוי; פּראָלעטאַרישע דראַמע מיינט צו קאָנען דערהויבן דעם האָראָפּאַשניק, דעם אַרבעטס־מענטש צום בעל־בית איבער זיך; איבער זיינע כוחות — פּנים אל פּנים אים אקייגנ־איבער צו שטעלן דעם פאַטאַלן גורל, אויף זיינע ברייטע פּלייצעס עס אויס־צוטראָגן! צו קענען האַלטן זיין לעבן אין די הענט און גורלדיק עס קאָנען צוזאַמענקוועטשן אין זיינע פויסטן — — —

א נייע פאָרם ווערט געשאַפן, ווען דער תוך פונם זיין, פונם לעבן ווערט דערלעבט און איבערגעלעבט אויף א נייעם שטייגער — דעמלט ווערן די יסודות פון דער וועלט געענדערט!

ווי זיי ציטערן דאָס, ווי זיי פּלאַטערן דאָס, ווי די פיש אין וואַסער, די אַלע שיינע בעלי בתים, פונם איידלען בעל־יחסן, ביזן פּראָסטאַק, דעם בעל עגלה פאַר דעם יצר הרע, אין דער געשטאַלט פון עפּעס א היסטערישׂ ווייבל, זיי, דער פערגייענדיקער קלאַס, די כשל-ברכים׳דיקע, וועלכע האַלטן זיך נאָך קוים אויף געגזענע־פּיסלעך, אויפן כוח פונם געשריבענעם פּסוק, זיי האָבן נישט ווייניקער מורא פאַרן שטן ווי להבדיל פאַר גאָט כביכול אַליין. יענקל דער שמיד אָבער האָט נאָר פאַר דעם איינעם בלויז מורא, אַז דאָס ווייב זיינס, זיין געטרייער מיט־חבר אין לעבן, וועמען ער האָט ליב, וועמען ער פאַרערט, וועט אים חושד זיין, אַז ער איז שוואַך, אַז ער קאָן נישט זיין קיין „כובש את יצרו" — דאָס איז זיין עיקר שרעק! נישט ווייל די שדים האָבן אים צוריק אין זייערע הענט געקראָגן, נעמט ער זיך צוריק צום פלעשל, צום שכורן; ער איז מבולבל פונם געדאַנק: טאָמער גלויבט זי אים נישט, אַז ווען ער ענדערט איז געענדערט, אַז ווען ער ווערט א נייער מענטש —איז ער עס! די פּופּציק קאַפּיטלעך תהלים, וועלכע ער זאָגט צו זיין ווייב טאַמאַראַ, ביים פינאַל, זיינען אויך נישט, בכדי צו פאַרשיכורן מיט זיי דעם שד אין זיך — ער פייפט אויף דעם שד! ער האָט אים שוין לאַנג גובר געווען אין זיך!! אין דעם הייליקן אויפגעציטערטן מאָמענט, ווען ער איז שוין כמעט זיכער אין זיין לעבנס חבר, זיין טייערע און פאַרערטע טאַמאַראַ, אין יענעם גרויסן און געהייליקטן אויגנבליק ווען ער פילט, אַז ער האַלט זיין גאַנצע וועלט אין זיינע ערלעכע מאָזאָלעם הענט. האָט ער דען עפּעס אַנדערש, פון זיין פּראָסטן אָבער גוטן טאַטן, פון זיין באַליידיקטער און באַזאָרגטער מאַמען, ווי די פּראָסטע און הייליקע קאַפּיטלעך תהלים? און דעמלט ערשט ווערט ער דאָס גרויסע קינד, פאַרוויגט אינם גרויסן ניגון פונם אָרום, פונם געוואַלטיקן געזאַנג פונם באַליידיקטן און פאַרמאַטערטן, אָבער דאָך באַוואוסט וווערנדיקן ברודער מענטש.

„יענקל דער שמיד" איז נישט שלום אַש׳ס „נטע דער שמייסער", דאָס גופניותדיקע און חושימדיקע פונם יידישן שטעטל, דאָס ערדיש-ראָמאַנטישע,



דאָס תאוהדיק־אַפּאַטישע פון שבת נאָכן טשאָלענט. דעם קאָנסטו אפילו אין חומש אַריינשטעלן, נישט נאָר אין טייטש חומש — אָבער אויף קיין פאַל נישט אויף דער בינע! טויזנט זאַכן קאָן דיר אַזאַ איינער אָנטון — אָבער קיין איין האַנדלונג! ווייל נטע שמייסערס יוסטער גאַנג איז נישט צו באַ־נעמען די וועלט — ער איז באַנומען פון דער וועלט! זיין תוך איז דאָס פאַטעטישע געפיל, דער יידישער שטייגער.

דוד פּינסקי, דער שרייבער פון „דראַפּקין" און פון אַנדערע רעוואָלו־ציאָנערע דערציילונגען, באַוואוסט מיט דערלעבנדיק יענע גרויסע יאָרן 1905-1906 פון דער נייער סאָציאַלער ענדערונג אויף זיין אייגענעם שטייגער איז אַרויס מיט דער נייער יידישער דראַמע פאָרעם, — נישט מיט דער גאָלדפאַדן יידישלעכער און נישט מיט דער גאָרדניש געיידישטער! בינע האַנדלונג איז ניט קרבן־מנחה־סדור סענטימענט, נישט גאָט פון אברהם־מיליע פון מענה לשון אַרויס — דראַמע איז באַוואוסטער און גראַד־ליניקער לעבנס־קאַמף און שטייגער פאַרענדערונג! און עכטע דראַמאַטישע האַנדלונג איז נישט געקרימטע ליניע — איז דרייעק קאָנפליקט!! אויף ווי ווייט דאָס „עם־הספר", דער יידישער פּילפּול־קאָפּ איז פעאיק דערצו, דאָס איז א פראַגע.

דערפאַר טאַקע דאָס כסדרדיקע געראַנגל אונזערס, דאָס אומבאַהאָלפענע נאָך אַלץ, צווישן גאָלדפאַדנס יידישלעך עכטן אָפּערטן־ספּעקטאַקל און גאָרדינס איירָאָפּעאיש געיידישטע טעאַטער שטיקער. און איז דוד פּינסקי אַליין צומאָל, אין זיין לאַנגן וועג ווי דער מאָדערנער יידישער דראַמאַטיקער, נישט אָפטמאָל מיט אַריינגעפּלאָנטערט געוואָרן מיט דרשה׳דיקן מאָנאָלאָג און פאַ־טעטיש־סענטימענטאַלע צערעמאָניען האַנדלונגען? דאָס געהער שוין אָבער צו דעם פאַטאַלן גורל פון אונזער פאָלק.

## 2. יעקב גאָרדין און אברהם גאָלדפאַדן אין די לאָנדאָנער יידישע טעאַטערס

א בואכם לשלום פאַר די פּאַריזער אַקטיאָרן אין גרענד פּאַליי לאָנדאָנער יידישער טעאַטער

מיטן צוקומען פון די פּאַריזער אַקטיאָרן, דעם כאַראַקטער קאָמיקער אהרן פּאָליאַקאָוו מיט זיין פרוי און טאָכטער און דעם כאַראַקטער שוישפּילער וואָלדימאַר היינצע און די זינגערין עוואַ זיידמאַן, איז מאַרקאָווס טרופּע אַצינד צוריק א צוריקאויסגעפּילטע. און לעצטנס מיט זיין באמת פיינער אויפ־פירונג „קרייצער סאָנאַטע" פון יעקב גאָרדין האָט ער עס באַוויזן — האָבן עס אַלע באַוויזן, די גאַנצע טרופּע צוזאַמען.

עס איז טאַקע צו האָפן אַז איצט מיט זיינע פיינע כוחות וועט זיך מאַרק מאַרקאָוו עפטער אַרויסטרעטן מיט ליטעראַרישע פּיעסן. בפרט, ווי די



אהרן פּאַליאַקאָוו אַלס „ר׳ חיים“ אין „פּאַפּירענע קינדער“, געצייכנט פון מאָרים סאָכאַטשעווסקי.

לעצטע אויפפירונגען האָט קלאָר געמאַכט, אַז דער עולם נעמט דוקא אויף אַ ליטעראַרישע דראַמע מיט גרויס באַגייסטערונג — נו, איז דאָך דער לאָנדאָנער טעאַטער־גייער נישט דער גאַנצער חייב פאַר נישט אויפפירן ביי אונז עפּטער פּיעסן פון דעם מין...

מיר באַגריסן חבריש די חשובע געסט, — און זיי זיינען מער ווי געסט! — זיי זיינען פאַר אונז שארית־הפליטה־אַקטיאָרן פון די ווייניקע, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אויפן קאָנטינענט. — מיר זאָגן זיי אַ האַרציקן: בואכם לשולם!

אַ ל ך ל ש ל ו ם פאַר הערי פּאַצאַנאָווסקי, דעם אַקטיאָר פון מאַנשעסטער, דעם סעקרעטאַר פון אונזער גרופּע פריינט פון יידיש לשון אין מאַנשעסטער, וועלכער האָט געהאָלפן אויסשפּילן „די חברים־טרופּע“ אין גרענד־



פּאַליי, און זיך אַרויסגעוויזן אין כלערליי כאַראַקטער ראָלן. פּאָרט יעצט צוריק אַהיים קיין מאַנשעסטער. ער וועט אונז דאָ אַביסעלע אויספעלן ווי אַן אַקטיווער חבר און אַן אַקטיאָר, אָבער דערפאַר זיינען מיר זיכער, אַז אונזערע פריינט אין מאַנשעסטער, וועלן ווידער ווערן אַקטיווער מיט זייער יידישער קולטור אַרבעט.

## אברהם גאָלדפאַדן אין ניי יידיש טעאַטער אין אדלער סטר.

עס איז גוט, ווען מ׳דערנענטערט זיך צום מקור, און דער מקור פון עכטן יידישן טעאַטער, — אויף וואָסערע קולטור ניוואָ ס׳זאָל נישט שטיין און דערגרייכן, — וועט תמיד בלייבן גאָלדפאַדן.

די „צוויי קונע לעמעלך“ זיינען געווען נישקשהדיק — און אַז איינער פון די קונע לעמעלעך איז אונזער קאָמיקער מאיר צעלניקער איז עס שוין ממילא מער ווי נישקשהדיק!

„המן׳ס מפּלה“ — גאָלדפאַדנס „אחשורוש“ אַביסל היטלערעזירט פון א. מייזלעס, — איז נאָך בעסער, פאַרביקער, טעאַטראַלער, און ווי עס שיינט וועט עס נאָך האָבן אַ גרעסערן דערפאָלג ווי „דאָס צענטע געבאָט“ — „לא תחמוד“, באַאַרבעט פון א. מייזלס, מיט דעם שיינעם שניפּ טאַבעק־טאַנץ און ווייבערישן מצוה־טענצל.

לויט ווי מיר הערן אַרבעט יעצט מאיר צעלניקער אויף אַן אינסצעניזירונג פון „די באָבע יאַכנע“ און עס זאָל עפּעס אַרויסקומען אַזוינס און אַזעלכעס. מיר קאָנען זיך שוין פאַרלאָזן אויף צעלניקערן, ער וועט שוין אַרויסשניידן און אַריינשניידן און עפּעס צושניידן! אָבער עס ווילט זיך אים צורופן ווי צו אַלע גאָלדפאַדן באַאַרבעטער: „על תשלח ידך אל הנער ואל תעשה לו מאומה“! גאָלדפאַדנס גראַמען זיינען פאַר דער יידישער בינע הייליקע פּסוקים!!

צו אונזערע לאָנדאָנער תושבים־אַקטיאָרן, צו וועלכע בוים מיט זיין פרוי זיינען אויך שוין צוגערעכנט, (פּונקט אַזוי ווי דאָס פּאָרל ווינאָגראַד־גאָלדבערג פון גרענד פּאַליי), איז צוגעקומען דער שוישפּילער פוקס פון פּאַריזער פּיאַט, וועלכער האָט דאָ געדינט ווי אַן אַקטיווער סאָלדאַט אין דעם ענגלישן מיליטער. ער איז געווען אַ „גוטער טרעפער“ וואָס דאָס אדלער סטריט טעאַטער האָט אים געוואונען פאַר זייער טרופּע.

משה שאַפּירא, אַן אַקטיאָר פון אַ היימיש־פּוילישער וואַנדער־טרופּע, וועלכער האָט דורכגעמאַכט גלגולי־מחילות איבערן גאַנצן כדור־הארץ, ווי אַ פּוילישער זעלנער, און האָט דירעקט פון סיביר, פּערסיע, ארץ־ישראל אַריינגעטאַנצט אויף דער בינע דאָ אין די „דריי מתנות“ פון י. ל. פּרץ. אין דעם חסידים־טאַנץ באַשיינט מיט עכטער היימישער שטימונג, האָט זיך לעצטנס ווידער אַרויסגעוויזן אין א. מייזלס אַ פּיעסע „יום הדין“ אין אַ ראָלע פון אַ שטומען. מיר ווינטשן די צוויי יונגע, פון דער אַרמיי באַפרייטע אַקטיאָרן,

מזל דאָ ביי אונז, און אַ מזל־טוב ווינטשן מיר שאַפּירא, וועלכער האָט געפּראוועט איצט זיין חתונה.

## 1. די קאָמישע ראָל וואס ס׳שפּילט אַ יידישער רעוורענד אין לאָנדאָן

אַ פּורים קאָנצערט אין אַ יידישער קהלה אין אַ לאָנדאָנער סינאַגאָגע, די גאַנצע הכנסה פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. צווישן די 9 אַרטיסטן האָבן זיך באַטייליקט די צוויי באַקאַנטע לאָנדאָנער שוישפּילער און זינגער יודל גאָלדבערג און מאַקס איצקאָוויטש. דער גאַנצער קאָנצערט און די פּורים׳דיקע צערעמאָניע איז געווען אין ענגליש, אַ חוץ אונזערע צוויי יידישע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געזונגען יידישע פאָלקס-לידער, ווי למשל, „ראָזינקעס און מאַנדלען״, מנשה א.א.וו. פון וועלכע עמך, דער שול־עולם האָט ממש געלעקט די פינגער און טאַקע שפּעטער אויפגעמאַכט ברייט די הענט און ס׳האַרץ פאַר דער זאַמלונג פאַרן יידישן נאַציאָנאַל פאָנד.

ביים שלום פונם קאָנצערט האָט דער רעוורענד פון דער קהילה, — מסתם אַ גאַנץ „הערפאָרראַגענדער״ עם הארץ, ווי דער רוב יידישע רעוורענדס אין אונזערע קהילות דאָ, כאָטש ער מעג זיך זיין אַ גנאַץ גוטער זייאָניסט, זיך באַקלאָגט פאַר אימפּרעסאַריאָ, וואָס ער האָט דעם אַזוי געלונגענעם קאָנצערט קאַלע געמאַכט און אַזויפיל יידיש אין אים אַריינגענומען — „טו־מאַטש״ ! דער פאַקט ברויך נישט קיין קאָמענטאַרן מער. אפּנים, עס האָט געמוזט זיין אַן „הערפאָרראַגענדער״ טאַלענטירטער רעוורענד, פון אונזערע רעוורענדס דאָ אין לאָנדאָן, ווייל ער האָט זיין קאָמישע ראָלע געשפּילט אויסגעצייכנט....

## 2. אַן אחשורוש-שפּיל אויפגעפירט פון ישיבה בחורים

דער ראש ישיבה פון שטענס, לעזשער רב, אַ בעל שם׳סקע אייניקל מיט אייגענע יידישלעכע ערציהונג מעטאָדן, וועלכע האָט זיך פאָרגענומען דעם חסידישן־ברען און שטעלדיקע־היימישקייט ווייטער צו פערפלאַנצן, האָט דאָ ביי אונז אין לאָנדאָן עפּענטלעך אין אַ זאַל און אויף בילעטן, אויפגעפירט אויפן אַלטן ישיבה׳שן שטייגער אַן אחשורוש-שפּיל. דאָס שטיק האָט ער אַליין געשריבן (און אין נישקשהדיקע גראַמען) אַליין די מוזיק פאַרפאַסט (און טאַקע אמתדיק חסידיש אוקריייניש) און אַליין רעזשיזירט און מיט די תלמידים איינשטודירט.

עס פערשטייט זיך אַז אין זאַל איז דער עולם, — אַן אגודישער אַ רבנישער, — איז געזעסן נשים באַזונדער און אנשים באַזונדער און אויף דער בינע, די מלכה ושתי צי איז גאָר געווען אסתר, איז אויך געווען אַ בחור און ד מלכה אָנגעטון אין בגדי מלוכה האָט געהאַט טויזנט חנ׳ען... דער נאַאיווער



יידישלעכער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט און געפּאַטשט מיט די הענט (נישט געפּלעסקעט !) בראַוואָ ! און איך האָב נאָך מער ווי הנאה געהאַט, איך בין געזעסן אַ געטרייסטער, ווי אַ שבת נחמודיק בחורל : אַז מיר וועלן חלילה נישט האָבן די גענוגענדיקע גייסטיק קולטורעלע כוחות צום גאָלדפאַרנישן פאָדעם ווייטער צו שפּינען האַלטן מיר דאָך נאָך אַלץ וועניקסטנס ביים אָנהויב, איז די גאָלדענע קייט אונזערע נאָך אַלץ נישט אויסגעשמידט, אָבער דער פאָדעם הייליקע קברים צו מעסטן איז נאָך נישט צעריסן און מיר קענען נאָך געהאָלפן ווערן...

**א.נ.ש.**

### פון יידישן פאָלקס-מויל

ויצן, גלייכווערטלעך און מעשהלעך

געהערט, געקליבן און בעאַרבעט דורך שלמה גאָלדענבערג

## 25. פּאַסקי דער „נביא״... (אַ פּסח־מעשהלע)

(פון מיין מאַמען)

דו ווייסט, מיין קינד, וואָס מענטשן זאָגן, אַז „אַ יידישע נשמה טאָר מען נישט שאַצן״, און אונזערע חכמים זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער, ווען זיי האָבן געזאָגט, אַז אפילו „פּושעי ישראל זיינען פּול מיט מצוות ווי אַמילגרוים״... זאָלסט אָבער נישט מיינען, אַז אַזוי איז געווען נאָר אַמאָל ; אָט וועל איך דיר דערציילן אַ מעשה מיט פּאַסקין דעם „נביא״ וועסטו זען, אַז יידן בלייבן יידן און בייטן זיך נישט !...

* *

*

נאָך גאָר אַ קינד, איז פּאַסקי געבליבן אַ יתום. זיין מוטער איז געגאַנגען דינען אין פרעמדע הייזער, און פּאַסקי האָט זיך אַרומגעוואַלגערט צווישן די בעלי־עגלות און פערד־גנבים. כמעט אַ יינגל איז ער אַליין געוואָרן אַ געשמייסער 1) און האָט אַזוי ליב באַקומען פערד, אַז ווי נאָר ער האָט געוואָרפן אַ אויג אויף אַ שיינעם, פריצישן, אויסגעפּאַשעטן פערד איז שוין די שטאָל פאַר אים געווען אָפן און דער שלאָס קיין בניעה... נישט איינמאָל איז ער אַריינגעפאַלן, אָבער זייענדיק חבר מיט דער גאַנצער פּאָליציי, איז ער תמיד אַרויס אין צייט אויף אָנגיין מיט זיין מלאכה. אויף דער עלטער איז פּאַסקי געוואָרן אַן אָנשטענדיקער בעל־עגלה, אָבער אַלע זיינע אַמאָליקע חברים האָבן צו אים געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי, אַלע סודות פון דעם טרפה׳נעם פערד־מסחר האָט ער מיט זיך אַרומגעטראָגן און דאָס שטעטל האָט אים דערפאַר אַנאָמען געגעבן : „דער נביא״...

1) אַ געהילף פון אַ בעל עגלה.

טרעפט זיך אז אין „איעזר“ 2) קומט אָן אַ נייער פּאַרוואַלטער. אַליין אַ פּירסט איז ער גיך געוואָרן אַ גוטער ברודער מיט די פּוילישע פּריצים און אויף זייער בקשה האָט ער גענומען רודפן די יידישע בעלי-עגלות און ספּעציעל די פערד־גנבים. אַ פּאָר האָט מען אַריינגעזעצט אין תּפיסה, עטלעכע האָט מען אַרעסטירט גלאַט אַזוי, און מאַנכע האָבן געקריגן אַזעלכע טרוקענע קלעפּ, אַז זיי זיינען געלעגן צו בעט וואָכןלאַנג. ער האָט פאַר דער אַרבייט געקראָגן אַלס אַ מתּנה שיינע, גרויסע פערד פון די שטאַלן פון גראַף בראָניצקי אַליין.

צווישן דער חברה גנבים איז געוואָרן אַ געוואַלד, אַטומעל און אַלע זיינען געלאָפן צו פּאַסקי שואל בעצה זיין. דער עיקר האָבן אים נישט געלאָזט לעבן די פרויען און קינדער פון די אַרעסטירטע. זיי זיינען געבליבן אָן חיונה און דאָ גייט צו הייליקן יום־טוב פּסח און עס איז נישטאָ קיין אויסזיכט, נישט נאָר אויף יום-טוב, נאָר אפילו אויף טרוקענע מצה. פּאַסקי האָט פאַרשטאַנען, אַז מען מוז דעם איספּראַווניק 3) אָנלערנען, וועלן, דרך־ארץ און אַז דאָס בעסטע וועט זיין, אַז מען זאָל ביי אים אַליין צעגנבענען די צוויי גרויסע פערד, אין וועלכע ער קאָכעט זיך טאָג און נאַכט. ער האָט אַזוי קונציק אָפּגעטון דאָס שטיקל אַרבעט, אַז קיינער האָט זיך נישט געמישט אין די גאַנצע זאַך איז אַדורכגעפירט געוואָרן פון גוישע גנבים, וועלכע האָבן אויסגעפירט דעם פּלאַן, ווי פּאַסקי האָט זיי אָנגעגעבן...

מען קען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ מהומה די מעשה האָט אָנגעמאַכט. דער איספּראַווניק האָט געקערט וועלטן, אָבער די פערד זיינען אַזוי ווי אין וואַסער אַריין, נישטאָ, פאַרפאַלן... אַזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר וואָכן און דער איספּראַווניק איז געוואָרן אויס מענטש, ער האָט נישט געגעסן, נישט געשלאָפן און מען האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך נעמען דאָס לעבן פאַר בושה, וואָס די גנבים האָבן געהאַט די חוצפה לייגן אַ האַנט אויף זיינע פערד... עמיצער אין קאָנעוו 4) האָט אים אָנגעוויזן אויף פּאַסקין דעם „נביא“ און פרייטיק ערב שבת הגדול איז ער געקומען צולויפן אין שטעטל, האָט זיך באַראַטן מיט די היגע שררות און שוין דעם זעלבן אָוונט האָט פּאַסקי געקריגן צו וויסן, אַז מאָרגן שבת פרי מוז ער זיך צושטעלן צום איספּראַווניק...

אַ גאַנצע נאַכט האָט פּאַסקי נישט געקענט שלאָפן, ווייל ער האָט געוואוסט וואָס אים שטייט דאָ פאָר. פאַרטאָג האָט ער אָנגעטון זיינע אַלטע וואָכנדיקע בגדים, איז אַוועק אין שול אַריין, האָט אָפּגעדאַוונט און שטאַרק געוויינט. און איז פון שול, נישט גייענדיק אַהיים אפילו פאַר אַ גלאָז צעקאָריע, גלייך אַוועק צו דער אכסניא וואו דער איספּראַווניק איז איינגעשטאַנען... ער האָט דאָרט געדאַרפט וואַרטן שעהן לאַנג...

2) בעצירק, געגענט.

3) דער פאַרוואַלטער פון געגענט.

4) די הויפּט־שטעט פון בעצירק.



דער איספּראַווניק האָט אים אויפגענומען ווי אַזאַ מענטש נעמט אויף אַ ייד. און דערצו נאָך אַ פערד־גנב. ער האָט געשריגן מיט ווילדע קולות, האָט געטופּעט מיט די פיס און האָט זיך כמעט געוואָרפן שלאָגן דעם אַלטן פּאַסקין. די גאַנצע צייט איז פּאַסקי געשטאַנען מיט אַ ראָפּגעלאָזטן קאָפּ און טרערן זיינען אים גערונען אויף די באַקן... אָבער ווען דער איספּראַווניק האָט גענומען דראָהען אים מיט טורמע, מיט פאַרשיקן קיין סיביר, האָט זיך פּאַסקי אויסגעגליכט און מיט אַ פעסטער שטימע האָט ער הויך אַ זאָג געטון, קוקנדיק דעם איספּראַווניק גלייך אין די אויגן אַריין: „מיט וואָס שרעקט דו מיך, דו פריץ איינער, מיט טורמע? דאָס איז דאָך מיין איינגן הויז! איך גיי אַהין גערן, ווי איך פאָר צו מיין רבין אויף יום־טוב!“... דער ענטפער האָט אַזוי איבערראַשט דעם איספּראַווניק, אַז אַפּאָר מינוטן איז ער שטיל געבליבן און נאָכדעם איז ער איבערגאַנגען אויף גוטן און גענומען זיך בעטן רחמים ביים אַלטן פּאַסקי, מען זאָל אים אָוועקגעבן די פערד... פּאַסקי האָט אַרויסגענומען זיין פאַטשיילע, האָט אָפּגעווישט די טרערן און האָט אַ זאָג געטון צום איספּראַווניק: „שיק אַרויס אַלעמען פון צימער, וועל איך דיר עפּעס זאָגן“...

ווען אַלע זיינען אַרויס פון צימער האָט פּאַסקי זיך אַוועקגעזעצט אַקעגן דעם פריץ און גענומען אים דערציילן וואָס פאַר אַ חורבן ער האָט אָנגעמאַכט צווישן די משפּחות פון די בעלי-עגלות, ווי די פרויען און קינדער לויפן צו אים נאָך ברויט און אַזוי ווייטער.

„וואָס זאָל איך טון, אַז מען זאָל מיר אומקערן די פערד?“, האָט דער איספּראַווניק שטיל, ווי אַ שולדיקער געפרעגט. „אויב דו קענסט אַמווייניקסטן באַזאָרגן די משפּחות מיט הוצאות אויף דעם הייליקן יום־טוב פּסח, — האָט פּאַסקי שטיל געענטפערט — שווער איך דיר ביי גאָט און ביי מיין עלטער, אַז דו קריגסט די פערד צוריק אויף דיין „פּאַסכאַ“. דער איספּראַווניק האָט זיך אויפגעהויבן, האָט אַריינגעלאָזט די האַנט אין בוזעם־קעשענע און האָט איבערגעגעבן פּאַסקין אַ פּעקל מיט אַ סיגנאַציעס 5)...

פּאַסקי האָט געהאַלטן וואָרט. אויף „פּאַסכאַ“ האָט דער איספּראַווניק געהאַט די פערד צוריק, אָבער נאָך פריער האָבן אַלע פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע פערד־גנבים געקריגן פון פּאַסקי זייער חלק אויף מצות און האָבן געהאַט אַ כשרן און פריילעכן יום־טוב...

„אַ יידישע נשמה קען מען נישט שאַצן!“...

5) פּאַפּיר־געלט.

# יידישע קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ

בוענאָס־איירעס.—אויף דער טעלעגראַפישער ווענדונג פון דעם באַקאַנטן יידישן ליטעראַטור־קריטיקער י. ראַפּאַפּאָרט (פון וואַרשע), וועלכער געפינט זיך אין שאַנכיי, האָבן די אַרגענטינישע יידישע שרייבער: י. ל. גרוזמאַן (רעדאַקטאָר פון „שפיגל"), מאַרק טורקאָוו און מ. רעגאַלסקי, געשאַפן אַ סומע פון טויזנט דאָלאַר און דאָס געלט איבערגעשיקט פאַר די נויטבאַדערפטיקע יידישע שרייבער אין שאַנכיי.

*          *

מאָנטיווידעאָ.—דאָ איז פאָרגעקומען אַ חנוכת־הבית פון אַ פאָלקס־הויז אויפן נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם משה ריכטער, געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער יידיש-קאָמוניסטישער טאָג-צייטונג „אונזער פריינט", וואָס דערשיינט אין מאָנטיווידעאָ (אוראַגוויי).

*          *

וואַרשע. — אין פּוילן איז געשאַפן געוואָרן דער ערשטער יידישער טעאַטער־קאָלעקטיוו, אַ דאַנק די יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך צוריק געקערט פון ראַטן־פאַרבאַנד.

די באַזע פונם באַנייטן יידישן טעאַטער וועט זיין אין דעם ניעדער־שלעזישן שטעטל ריכבאַך, וואו עס האָט זיך אַנטוויקלט דער באַדייטנדסטער יידישער ישוב.

דער אַרטיסטן-קאָלעקטיוו האָט באַקומען אַן אייגענעם טעאַטער־בנין פונם דאָרטיקן מאַגיסטראַט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּראָבען פון שלום עליכם'ס „טוביה דער מילכיקער", (אונטער דער רעזשי פון דעם באַקאַנטן אַקטיאָר שמחה נאַטאַן). דאַן וועלן געשפּילט ווערן: „דער בלוטיקער שפּאַס", „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", „דאָס פאַרכישופטע שניידערל" און אַנדערע פּיעסעס.

דער קאָלעקטיוו באַשטייט פון פאָלגענדע אַקטיאָרן און אַקטריסעס:

פרויען:—בינע גורעס, אסתר נייפעלד, קיילע עפראָן, דבורה פשעפּיורקע, חנה צוויליך, רבקה קאַרפּינאַוויטש, חיה'לע ראָזענטאַל און חיה'לע שיפּער.

מענער:— ישראל בעקער, יוסף גרימינגער, ליי, לערנער, אברהם ליבערמאַן, שמחה נאַטאַן, משה נאַטאַן, שמחה נוסבוים, מאַקס נייפעלד, נפתלי צוויליך, יצחק קרעלמאַן, זלמן קאַלעשניקאָוו, מלך קאַרפּינאָוויטש און בער שוואַרצשטיין.

*          *

יאָהאַניסבורג. — די „אַפריקאַנער יידישע צייטונג" האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ הומאָריסטישן חודש־זשורנאַל „דער בליץ", וואָס ווערט רעדאַגירט פון באָריס גערשמאַן און שלמה קאַרטון. דער אויסגעצייכנטער זשורנאַל דערמאָנט אין דעם אַמאָליקן ניו־יאָרקער הומאָריסטישן וואָכנבלאַט „דער קונדס".

*          *

אין פּאַריז האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַ הומאָריסטיש צוויי-וואָכנבלאַט „אויפן צימבל" אונטער דער רעדאַקציע פון ס. קויפמאַן.

*          *

מינכען. — דאָס באַקאַנטע יידישע אַקטיאָרן־פּאָרל יאָנאַס טורקאָוו און דיאַנאַ בלומענפעלד, וואָס האָבן געגעבן אַ ריי וואָרט-קאָנצערטן אין ווין, אינסברוק און אין אַנדערע עסטרייכישע שטעט, זענען אָנגעקומען קיין מינכען, כדי צו געבן קאָנצערטן פאַר די אויסגעוואָרצלטע יידן אין די דייטשע קעמפּס. מיט זיי פאָרט אויך מיט דער זינגער דאַריע עפּשטיין.

*          *

וואַרשע.—אַ חוץ די וואָכנצייטונג „דאָס נייע לעבן", וואָס רעכנט זיך אַלס דאָס אומפּאַרטייאישע אָרגאַן פון דעם יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין פּוילן, האָט דער „בונד" אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ צוויי־וואָכנבלאַט אונטער דעם נאָמען „פאָלקסצייטונג".

די לינקע „פּועלי־ציון" האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ צוויי־וואָכנבלאַט „אַרבעטער-צייטונג".

די ציוניסטישע גרופּירונגען געבן אַרויס אַ צייטשריפט אונטער דעם נאָמען „איחוד". אַלע יידישע צייטונגען דערשיינען אין לאָדזש, וואָס איז איצט דער וויכטיקסטער יידישער צענטער אין פּוילן.

*          *

וואַרשע.—מיט עטלעכע וואָכן צוריק זענען צוריקגעקומען קיין פּוילן דער באַקאַנטער יידישער קריטיקער און פּובליציסט ד"ר לעאָ פינקעלשטיין, דער נאָוועליסט ש. בערלינסקי, דער דיכטער נחום באָמזע און דער ראָמאַניסט משה גראָסמאַן, וועלכע האָבן די מלחמה־צייט פאַרברענגט אין ראַטן־פאַרבאַנד.

*          *

וואַרשע:—דער יידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן און אַרטיסטן פאַריין אין פּוילן, האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישן ליטעראַרישן זשורנאַל א.נ. „יידישע שריפטן". דער ערשטער נומער דערשיינט אין חודש מאי ה.י.

# אונזערע קולטור ידיעות דא

דער יובל פונם 75־טן „העפטל" איז וואָס פון זיינע 8 מאָגערע און נאַקעטע זייטלעך האָט עס זיך בהדרגהדיק פאַרוואַנדלט אין אַ 64 זייטיקן און אין אַ „הילע" איינגעבונדענעם זשורנאַל, און פון אַן אויפלאַגע פון 330 עקזעמפּליאַרן דערגרייכט עס איצט צו קנאַפּע 1,000.

דער שכר וועט אָבער ערשט זיין דאָס ווען אַלע יידיששאַפנדיקע כוחות פון ענגלאַנד וועלן זיך באַטייליקן אינם זשורנאַל, און אַז דאָס געדרוקטע אין אים וועט ווערט זיין צו ווערן אַ ווערטפולערביישטייער צום גייסטיקן־שאַפן פון אונזער יידישער ליטעראַטור. (די אַרטיקלען לכבוד דעם יובל פון דאָראַ דימאַנט און אייזיק גאָלדבערג וועלן געדרוקט ווערן אין קומענדיקן נומער.)

*          *

אַ זשורנאַל פאַר יוגענדלעכע, אַרויסגעגעבן פון בח"ד (ברית חלוצים דתיים) דערשיינט דעם פערטן חודש. דער זשורנאַל איז אויסשליסלעך כמעט אין יידיש, מיט אַ צוויי זייטן העברעאיש צום סוף.

*          *

ביים „ניי יידישן טעאַטער", ביים פאָלקס־הויז (בת עם) האָט אָנגעהויבן איצט צו דערשיינען אַ זשורנאַל מיט נאָמען „טעאַטער שפּיגל" אין יידיש און אין ענגליש.

75

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

זעקסטער יאָרגאַנג | לאָנדאָן, מאַי 1946 | נומער 5 (העפטל 76)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

ווייטשעפּל ** . . . . . 1
וואָס איז אַ דור (ליד) ה. ל י י וו י ק . . . 4
פון דער פּאָעמע „גאָלד“, י ש ר א ל א פ ר ת . . 5
יוסף חיים ברענער, י ע ק ב ה ד ס . . . 7
י. ח. ברענער דער מענטש, ל . ש . ק ר ע ד י ט אָ ר . 11
* * * מ ל ך כ מ ע ל נ י צ ק י (ליד) . . . 17
דער יאָר־טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, פ . ז י ל ב ע ר ב ע ר ג 18
דער יידישער ערשטער מאַי, א ל י ה ו פ א ל ו ש אַ ק . . 19
ווען די זון וועט ווידער קומען (ליד) א ב ר ה ם צ י ק ע ר ט . 23
אַ הייזל מיט אַ שטרויענעם דאַך (ליד) ש מ ו א ל ו ו ה י י ט . 24
בוימער־סאָנעטן, לכבוד לג־בעומר, א . נ . ש ט ע נ צ ל . 25
דער אַמעריקאַנער אויבערמענטש און די אינדישע פּרינצעסין (פון דער
סעריע איבערלעבענישן) מ ש ה ע ו ב ד . . 28
די צוויי פּריינט (סקיצע) י . ב י ע ט ש . . . 32
נישט קיין מענטש נישט קיין הינט (דערציילונג) דזשעראַלד ק ע ר ש 37
אימפּאָרט מעבר לים (עסיי) נ ח ו ם ש ט ע נ צ ל . . 42
לכבוד דוד פּינסקיס יובל, א . נ . ש. . . . 44
ס. פּאָלמע דער דיכטער „אין חלום־לאַנד“, י. ח. ק ל י נ ג ע ר . 48
פרץ פּייערונג אין יידישן קולטור־קלוב, א . פ . . . 51
עטא טאָפּל און מאַרק מאַרקאָוו, ק י י ט י ב ר א ו ן . 52
צום סיום פון די העפטלעך און צום געבוירן ווערן פון זשורנאַל,
ד אָ ר אָ ד י מ אַ נ ט . . . . 54
„אַ שטעקעלע אַריין אַ שטעקעלע אַרויס“, ש . . . 55
פון יידישן פאָלקס מויל 26־27 ש ל מ ה ג אָ ל ד ע נ ב ע ר ג 58
יידישע קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ . . . 61
אונזער קולטור ידיעות דאָ . . . . 63
יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָקס . . . 64

פּרייז 1 שילינג

אבאָנאַמענט פאַר דער יאָר 13ש.און 6פּ.

אַדרעס פון רעדאַקציע

„לשון און לעבן“, נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

„די צייט“ (געגרינדעט אין 1913 פון מאָרריס מייער)
די איינציגע טעגליכע אידישע צייטונג אין אייראָפּאַ

ארבעטער-רינג
פּראפּאגאנדע קאמיטעט

סערקל הויז, עלי סט., א.1.

יעדן זונטיק 3.30 קומען פאָר
ליטעראַרישע, געזעלשאַפטלעכע
פאַראַנשטאַלטונגען איבער קול-
טורעלע און פּאָליטישע
פּראָבלעמען.

די ביבליאָטעק איז אָפן יעדן
זונטיק פון 12־2.

די
בן-אורי קונסט גאלעריע

14, Portman St.,
London, W.1.

האָט אַן אויסשטעלונג פון
מאלעריי און צייכענונגען
פון סאָלאָמאָן י. סאָלאָמאָן, ר.א.,
און פון לילא דעליסא דזשאוזעס.
פון 5־טן ביז 26־סטן מאַי.

נ יי - א י ד י ש ט ע א ט ע ר
פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1.
דירעקטאָריום : וו. קאָסאָף, ה. רייפּעלזאָן, מרס. שאַפּירא.
טשערמאַן : מ. ביטלער. אַנפירונג : א. מייזעלס. האָנ. סעק.: א. ביטלער.

מאיר צעלניקער

און די קינסטלער קאָמפּאַניע לויט א״ב :
פרויען : אנא בוים, מארי גאָלדשטיין, קלאַראַ מייזעלס, מעטא סעגאל, אנא צעלניקער, מיני שערמאן א.א.

מענער : מאָריס אַקסעלראָד, מאַקס בוים, פּאול גאָלדשטיין, דוד סעגאל, א. פוקס, שלמה קאָהן, יאָזעף שערמאַן, משר שאַפּירא, נייטען שוואַרץ, א.א.

מוזיק דירעקטאָר : פהיל בערנשטיין.

יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאָג געשלאָסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג
אוונט 7.